

ז. לאנדוי

53

# אינהאלט:


1) אפֿן שוועל — — — — — — * * *
2) באם גרעניץ — — — — — אל. טאבאק.
3) „יזכור" — — — — — — — מ. אנין.
4) פלאנטערם — — — — — — ש. י. קאזיניץ
5) גיילעם — — — — — — — שאץ.
6) דער שטרייט — — — — — ב. מעאן.
7) דער שטורם — — — — — ל. וואולפסאן.
8) שניַיעלעך — — — — — — ש. פרידמאן.
9) וועגן אנ—סקי. — — — — — מ. א.
10) בריוו פון א קינסטלער — מיכאאיל יאָ.
11) דער אידישער ניואנס אין מאלעריי — — — — מ. שאץ־אנין.
12) רעפארם פון אוסליינ — — * * *


---

רעפראדוקציעס:

א) „ביַין האשמאשעס" פון מ. יאָ.
ב) „ירמיהו" „ „ „
ג) „הונגער" פון ד"ר וו. הירשבערג.
ד) „קאלט" „ „ „ „

---

אילוסטרירט פון מיכ. יאָ:

ריגע. 1921




# אפן שוועל.

מיר
ויינען ניט
אין מאל פאר
שוועלן געשטאנען.
פאר הויכע, קרומע,
האלב צעפוילטע. און קוים איז
איינער הינטער אונז, שטערט
שוין א נייער הינקער די טריט.
צי איז דאס שוין דער לעצטער שוועל?
יעד. פאלט דער העכסטער און שווערסטער.
און האט שוין דער ווילן אין מעכטיקן דראנג
אין פוס אריבערגעווארפן אף יענער זייט שוועל, די צווייטע
איז צוגעשמירט נאך צו דער ערד. — — — — — — — — — —
צו דער „הייליקער" ערד פון גראשענעם גלויבן, בלייערנע מידעס
און אלטווארנגעפילן. — — — — — — — — — — — — — — — — — —
צוגעשמידט דורך צענדליקער דורות, דורך א טייך פול פוסטקייט, דורך א מאבל פון
פארמען, טויטע און שטומע. — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אלטע טריבן לאזן טיפע וואונד, טויטע ווערטער יוגנן דעם לעבן. נייע האמערס
שמידן נייע ווערטן. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
צי קאן דער מוטער נאך אונז, היינטיגע לעבנסקלאנגען דערשטיקן? — — — — — — — —
דער לעבן זינגט: איבערן לעצטן שוועל — א שפרונג! — — — — — — — — — — — —



| | |
|---|---|
| מיכאיל יאָ. | „ביין האשמאשעס". |
| אין באויץ א. ה—ן. | פערערציי־נונג אף געלב. |

## אל. טאבאק

# באַם גרעניץ.

----

די שטאָט איז געלעגן פארחיקלט אין טויען,
פארהילט אין א שלייער פון נעבל;
און היים איז געווען דער הויך פון איר אטעם,
און שארף אירע בליקן, פול שוועבל.
די גאסן, די הייזער, די מענטשן, די שטיינער –
זיי האבן פארגעסן, פארבארגן,
אז קוים וועט פארשווינדן דער היינט און דער נעכטן,
וועט קומען א מארגן, א מארגן.
זיי האבן געלעבט און געשמייכלט, געליאריסט,
נעאטעמט, געבראכן, געשאפן,
און זיינען געוועזן בא זיך אין די אויגן:
אפט געטער, אפט מענטשן, אפט שקלאפן.
ארום האט נעאטעמט דער זיג־זאג פון לעבן,
עס האבן זיך ליניעס געבראכן,
געשאפן א ווינקל פאר יעטווידן שטרעבן
און טיף מיט די שפיצן געשטאכן.
א בליציקע געלקייט האט אלעם פארשלונגען,
פארשטעלט אלע ווערמער פון פארבן,
און געל איז געוועזן די שטאט מיט די מענטשן –
פון זון א באלויכטענער שארבן.
די צייט איז געלאפן, די צייט איז געפלויגן,
אזוי ווי א פייל פון א בויגן;
דערהייבט זיך, געפאלן,
געקושט זיך מיט שטראלן,
געלאכט מיט סיגנאלן,
מיט הילכיקע קנאלן,
געבליצט, ווי קריסטאלן,
געהאלזט פון קאראלן,
באשיצט פון קינזשאלן, –
– די צייט, א, די ארימע צייט!

פלוצלונג איז א טאג געקומען
און מיט זיך האט ער גענומען
גלעקער, גלעקער, נייע גלעקער,
מיט די רופן פון א וועקער,

און נעקלונגען האבן זיי,
דוּיך גערעדט אזוי:
„קאלט, פון אייזן — אונזער צונג,
אונזער ווארט איז אונזער קלונג,
הארט, פון קופער אונזער לונג,
יעדער זילב — א שפרונג.
וועלטן, מענטשן, שטייט איצט אוף,
הערט דעם קאל פון אונזער רוף,
שמידט ווי מיר, א קופער-גוף,
שטייט איצט אוף, איצט אוף!
שמידט א הארץ פון אייזן, קאלט,
שאפט א צונג, וואס רעדט און קנאלט,
רוישט ווי ווינט, וואס איז שוין אלט,
און צעשפאלט:

אלץ, וואס שטארבט און איז פארפוילט,
אלץ, וואס שלאפט, אין זיך פארקנוילט,
אלץ, וואס איז פון אויסן בלאנק,
נאר אין זיך צעשטערט און קראנק,
אלץ, וואס שיינט,
בלישטשעט היינט,
האט אלץ פיינט
און וואס ליבט נאר אייביק זיך,
מיט א שמייכל הייסט דיר: „קריך"
און פארגעטערט נאר זיין „איך".

הערט דעם ווארט פון אונזער צונג,
שטייט איצט אוף מיט אונזער קלונג,
אז ס'זאל ציטערן די לונג —
— טוט א שפרונג!..

ווייטער, ווייטער, שטארקער, זיכער,
ווי א שפיציק-שארפער וויכער,
ווי א בליק פון אויגן צוויי,
האט געקלונגען דער געשריי.
און די שטאט האט אים דערהערט,
זיך פארטראכט און זיך פארקלערט —

— פלוצלונג אופגעבאפט זיך, — און
כוואליעס, יאמים מענטשן לויפן,
גאנצע וועלטן, גאנצע שטייפן,
מיט א טומל און הו-הא,
מיט א מאדנעם: „כא, כא, כא", —
אויסגעשטרעקט פארויס די הענט
ווי פארצוויבערט און פארברענט,
מיט דעם ווילן פון א ווינט,
לויפן ווייטער פון די זינד,

ווייטער, ווייטער פון דער שטאט,
וואו עס בלייבט נאר שמוץ און שפאט,
וואו צעבראכן איז דער גאט
און צעשטערט פון עמיצס טראט.

— „שטעלט זיך, שטעלט זיך, שטעלט זיך אפ!
וואו אנטלויפט איר בארג אראפ?
וואס צעברעכט איר אלץ און ציל —
— רוט, ניט טומלט, שטייט, זייט שטיל״
האט דער נאווי מיטאמאל
אויפנעהייבן פעסט זיין קאל.
— וואו אנטלויפט איר, ענטפערט, וואו?
האט איר דען א נייעם רו?
האט איר דען א נייע שטאט
און א נייעם, נייעם גאט?
וואו זשע לויפט איר, איבע ניט?
קערט צוריק אין שטאט די טריט,
קומט־זשע, קומט מיט מיר צוריק,
דארט וועט שמייכלען ס'אלטע גליק;
פארנט איז פאראן א טויט
אין דער וויסטע און אין נויט״.

— „נאווי, נאווי, אלטער נאווי,
שווייגן זאלסטו, איצטער שווייגן
און מיט דיינע אלטע ליפן
איצט ניט לייגן, אונז ניט לייגן.
ניין, מיט דיר וועט קיינער גיין,
ביסט א ליגנער, זאגסט איצט ליגן״,
האט געענטפערט דער האמון
און דער נאווי איז אנטשוויגן.

מיט א קראנץ פארוועלקטע בלומען,
מיט א בליק פארשיקערט־קרומען,
מיט א קאל, א טארנע פרוזען
איז געקומען דער פאעט,
און האט שמייכלענדיק גערעדט,
און מיט פאפאס דעקלאמירט:
„זענן דאס, וואס איר פארלירט״...

נאר אנטשווינגן איז ער באלד,
ווי פארבלאנדזשעט אין א וואלד;
קיינער האט אים ניט געהערט,
זיינע ווערטער ניט באגערט.

באלד געקומען איז א דריטע
מיט דער זעלבער אלטער ביטע;

ס'איז א גאסן־פרוי געווען,
וועלכע יעדער האט געזען,
וועלכע יעדער קאן באקומען,
וועלכע יעדער האט גענומען.

„קומט אין שטאט, קומט אין גאס,
וואו די נאכט איז שעלמיש בלאס,
וואו ס'איז ציטערדיק די ליכט,
וואו עס רופט אייך מיין געזיכט
און מיין קערפער בויגיק, ווייך,
וואו ס'איז אלץ באדעקט מיט רויך.
קומט אין שטאט, קומט מיט מיר,
וועט איר טרינקען אן א שיר
ווײַנען, בראנפן, קאניאק, ביר.
קומט מיט מיר, קומט מיט מיר!

נאר זי האט א פאטש באקומען
און איז גלייך אנטשטומען.

ווען דער מארגן האט אין זינען
שטיל געשפונען שטראלן־שפינען
און געפרובט אין זיי געפינען
נײַע, טײַערע רובינען,
דעמאלט זײַנען דרײַ פיגורן,
ווי פארלארענע דרײַ שפורן
פון א צייט, וואס איז פארגאנגען,
אפן וועג אין שטאט געגאנגען.

— — — — — — — — — — —

ווען דער מארגן האט אין זינען
שוין געפונען די רובינען,
דעמאלט זײַנען דרײַ געלעגן
טויטע, בלאסע אף די וועגן,
און א נאסער, קאלטער טוי
האט געקושט די גאסן־פרוי
און ראכמאנעסדיק געגלעט,
שטיל דעם נאזי און פאעט.

מ. אנין.

# „יזכור“.

אמאל, נאר אמאל איז א שטעטל געווען. א קליין אידיש שטעטל.

אויסדערוויילט איז זי געווען פון אלע. קאשער וועיאָשער.

צי וואלט דען א ווערדע געהאט אן איר דער גאנצער ארומיקער לעבן–די טוואוע, די אויפעס, בהימעס און גאאים?

טיף־טיפער די ווארצלען פון פויערשן לעבן אין דוירעס געאקערטער ערד. די אידישע שטעטל – אן אוירעך פין נעבטן.

פון וואנען – ווער וויס עס?

וואו מארגן – ווער טראכט?..

דער רוקן געבויגן, דער פאנים צום אקער. נאענט איז דער פארעץ – עס שפארן מיט כוצפע די טורימס צום הימל. און ס'מיסכערט די שטעטל – וואס קאסט עס – די טוואוע דער וועלדל. די וועלט?

ס'פארט דער פראסלער אין די דערפער, טיר און הארץ איז פאר אים אפן. קערט זיך אום צוריק אין שטעטל. ס'ווארט דער גוויר שוין לעבן שפייכלער. בארושעס גרויסע, פול מיט טוואוע. טראגט זיי, חינט זיי טייך אראפוואסער, די שטאט, די ווייטע וועט אלץ פארשלינגען. און ס'אטעמט און פומפט די אידישע שטעטל: פון דארף אין שטאט, פון שטאט אין דארף.

דער אטעם פין פומפ איז דער לעבן פון שטעטל, זיין שטייגער, זיין יוישער, זיין קוק און זיין טראכטן.

דער גוויר איז דער איקער – אלץ זיין האשפאע: טוואוע, גאבאעס, מאקיע און מיזרעך.

פון גוויר ביזן פייער – הונדערטער פעדים; דער מיטעלער סויכער, דער קרעמער, דער פראסלער.

און ווייט ווייט ארום, וואו ס'באגעגענען זיך פיינדלעך שטעטל און דארף, שליינגלען זיך געסלעך פון קליין באלמעלאכעס, דער שוסטער, דער שניידער, דער שמיר, דער פארגרעבטער.

אזוי האט די קאשערע שטעטל געלעבט. וואס ווייניקער ארבעט, אלץ גרעסער דער קאוועד. דער אויבן פון שמייסל דער שפיציקער מויעך, דער ראוו, די קלייקיירעש, די בעוורע מישנאאים. פאר גאאישן קויעך א מוירע, אן איימע, און ווי

צו דעם שארפן און שפיציקן מײעך, װען ס'װאלט ניט געװען די כעװורע דרײ „פ״ען, א פעפעריק װערטל און שװערע יאראאים...

קײם װאס געקראכן דער שטראם פונ'ם לעבן, געצװיגן זיך יארן, און צענדליקער יארן. און פלוצלינג — פון װײטן, פון ערגעץ, פון אנדערע װעלטן געקומען-געפלײגן מיט שטורים פול אומרו, מיט רױך און מיט קױלעס, דער אײזנבאן װילד. א קער פארבײ שטעטל, א פײף און א גרילץ, עס לאכט שױן א סטאנציע פריש און קאקעטיש. צעריסן די פעלדער, די דארפישע שטילקײט, דעם פױער פון דרעמל געװעקט. דװירעס פארבארגענע, ערדישע קױכעס רײסן זיך, יאגן זיך, שטראמען צונױף. טרײבן די דארפישע יוגנט אין שטאט.

ס'קאכט און עס ראַשט דער שטאטישער קעסל. א מוטיקער דאָר װערט אין שטורים געבארן. און ס' הילכט אין די דערפער פון קישעף און ניסים, פון אוצרעס אן סאף אין דער שטאט. — מוט אן דער פױער זײן יאנטעװדיק בעגעד, פירט אפ זײן קערבל, זײן זעקל אין שטאט. גרינג איז די באכמע פון מיכבער און מעמקער. ס'פלאצן און ס'רײסן זיך אײנער נאך אײנעם די פעדים, װאס שפײזן די קאשערע שטעטל...

ס'בײנקט און ס'רײסט זיך דער דארף צו דער שטאט. און באלד װערט די דארפישע שטעטל געבארן. ס'לײפן ס'בלישטשען, — פײל פון בײגן! — רעלסן-שטראלן. באהעפטן דעם דארף מיטן שטאטישן ראעש. סטאנציע-בצופע הײבט זיך אן פוצן, גארטלט זיך אים מיט דײזער און קראמען, מילן, פאבריקן. שטארק איז דער אישעװ, זײן פעטער — די שטאט, דער דארף איז זײן מיטער. װאס גרעסער דער אישעװ, אלץ דארער די שטעטל. פארטריקנט דער גוף, פארראכט די נעשאמע. ניט שטאט און ניט דארף.

באלד שיסן פארבײ מיט אימפעט-געפילדער א נײע פאר רעלסן פון אנדער זײט שטעטל. זײ מײדן איר אױס, די שלאפע, דעם גױסעס. און װײט-װײט פון איר, צען װיארסט פונדער-װײטנס, בלײבן זײ שטײן — א סטאנציע א פרישע, א נײער כױנע דער קאשערער שטעטל,

אמאל האט מען זעלטן א גוי װאו באגעגנט. שאבעס-גוי-שיקער! אײנער-צװײ פארװאלגערט-פארװארפן אין ציגענער געסל. און אפ איז די שטעטל מיט פױערשע באטקעס פארגארטלט-פארצױמט. שטרײענע דעכער און לײמענע װענט. באלד זיך נענטער צום שטעטל פארקליבן קאנטיקע פױערים-הײזלעך פון באלקנס, שינדל-דאך העכער צום הימל פארריסן. און הײנט? אין מיטן פון שטעטל, ניט װײט פון בעסמעדרעש, א קופע נעזונט-רױטע מױערס מיט בלעכערנע דעכער און פעלד-גרינע לאדנס.

דער דארף האט אינגאנצן די שטעטל פארשלונגען. דער פױער — דער קרעטשמער, פון שטאט באל-מעלאכעס — און װײ אונז און חינר! — דער גאאישער הענדלער, דער גאזלען, דער סונע...

אף לעבן און טױט איז דער קאמף — די געסיסע. און אײנמאל נאך פײסעך מיט יאמער און טרערן האט שטעטל באגלײט אירע ערשטע מעראגלים. װי שײן איז דאס לעבן פון יענער זײט יאם! באזינגט שױן די שטעטל. אלץ לײנגער, אלץ פולער די גאאישע גאסן. ברענטײך שױן פארכאפט, פון ארום אפגעזונדערט. דעם מארק אײנג באנומען מיט שטײנערנע ארעמס. און ס'דײסט זיך די יוגנט פון שטעטל, דעם כױלע. עס רופט זײ דער לעבן פון יענער זײט יאם.

און ס'פירט שױן די שטעטל דעם טױט-קאמף דעם לעצטן. א שטאט מוז זי װערן! מען הױבט זיך אן פוצן, פון ציגל פאנעלן, עלעקטרישע לאמפן, הו-הא-גראמאפאנען, א כוצפעריק קינא.

נײן, ס'האט ניט געהאלפן. דער אײזערנער רינג איז אלץ אײנגער געװארן, יאסעמדיק קרעכצט דער בעסמעדרעש, דער זאקן, פול טױט-שרעק און אומעט. אין דרעמלענדיק גױסעסט די שטעטל. זי פילט ניט דעם נאענטן סאף. דער אטעם אלץ שװאכער.

און פלוצלונג: די װעלט האט א שטורים פארריסן-פארדרײט. ריזן-אישואװים, אוצרעס, אשירעס — אלץ איז א קארבן פון אײזן און פײער. טױט איז די שטעטל. צי האט דא געלעבט װאס אמאל?

שטורים-אקארד, מעכטיק װילד, האט אן אלט-שטילן ניגן צעריסן.

* * *

מירבאר. אײביק װי טויט. שטומע קימענס, שװאַרץ־צעלעכערט, װאַרפן צום הימל, רואיק־קלאָרן, קלאלעם־טאכנונים. שטיל װי די צײַט.

האַרט לעבן שטעטל רוט דער בעכאװילעם, טראַכט רוכעם־מאכשאװעם, װעבט אײביקײט־כאלעם. פליט עפעס דורך דעם בעסאװלעם, דעם שטילן. רוימט אײן א סאד פון אמאליקע צײַטן: צאַרטע באגינענס, ליכטיקע קינדערטעג, זוניקע מאַרגנס און זומער־נעכט רײַכעם־פול. אײלט־שטיפט א װינטל דורך בוימער פאַרבאַלעמטע; געהערט שוין דעם סאד?..

געװען דא א שטעטל, א קלײן־רואיק טײַכל. א לעבן און קאמף, א טויט און יעסורים, געװען... אמאל...

מירבאר. מײסים־אַרעמס פון לעחאנע האלוין־װינן שטעטל־בעסאװילעם. צװישן כורװעס און מאצײװעס בלאנקעט עפעס, װײַס, אין שאטן. צי דער זײדע אין ראיװינעס דורך די געסלעך צום בעסמעדרעש? אדער אײניקל פאַרװאַגלט בלאנדזשעט שטום פאַרבײַ מאצײװעס צו די װעלטן פול מיט סוידעס?...

– – – – – – – – – – – – – – –

צי איז דא בעעמעס א שטעטל געװען?...



ש. י. קאזיניץ.

# פלאנטערס.

אין א ווינקל פון דער גרויסער שיינער וועלט, ארומגעקרייזט מיט געדיכטע, אלטע וועלדער, איז א גרויסער, שיינער, אכטקאנטי־קער טעמפל געשטאנען, און ארום אים האט געלעבט א פאלק.

גרויס און שיין האט אויסגעזען דער טעמפל: מיט אכט גרויסע, אין גאלד איינגעטונקטע קופלען, האבן זיינע אכט טורימס אין הימל אריינגעקוקט, און א ניינטער, ריזיקערער פון אלע איבעריקע טורימס, האט זיך פון רעכטן מיטן פון די אכט ארויסגעהייבן און מיט זיין מווערדיקן שפיץ זיך אין טיפן בלאען הימל אריינגעשניטן. און פון יענע הויכע טורימס, האט ער מיט זיינע איין און אכציק גלעקער איבער דער לאנד געקלונגען. געקלונגען, געוועקט און גערופן צו טפילע.

פון אונטן איז ער מיט אכט גאלדענע טירן פון זיינע אלע אכטווינקלדיקע ווענט אפן געשטאנען פאר די באוואוינער פון דער לאנד. צו פיר און צוואנציק טרעפ פון ריינעם-קלארן מירמלשטיין האבן געפירט ארוף צו יענע הויכע טירן און גאלדענע פארענצן האבן די טירן ארומגע־צוימט פון ביידע זייטן און אראפגעפירט ביז דעם אינטן פון די טרעפ. ווי גרויסע, הויכע, גאלדענע ליכטער, געשטעלט איינע הארט בא די אנדערע, האבן אויסגעזען פונדערווייטנס די פארענצן. הארט-בא זיי זיינען געשטאנען, איינע לעבן די אנדערע, פון ביידע זייטן טרעפ צו ניין, פון שטיין אויסגעהאקטע, „היליקע", אין גאלד און זילבער אויסגעצירטע, מיט ברע־נענדיקע מנירעס אין די הענט, ווי זיי וואלטן געשטעלט געווארן צו באלייכטן די היליקע ארופגאנגען פאר די באוואוינער פון דעם לאנד; פון די ווענט האבן גרויסע פילפארביקע פענצטער אראפגעקוקט. איבער זיי זיינען אין די ווענט אין שויפרעס-בלאנדיקע מלאכים איינגע־מויערט געווען, ווי זיי וואלטן אופגעהאלטן אין זייערע מעכטיקע פליגלען דעם דאך מיט זיי־נע אלע טורימס. און פון אונטן איז ארום, פון שטיין און אויסגעהאקטער באיל נע־לעני, ווי אף דער וואך פון היליקן טעמפל, גרייט אים צו באשיצן פון אלע זייטן.

אזוי האט אויסגעזען די אויסערלעכע זייט פון טעמפל.

נאר אסך שענער האט אויסגעזען זיין אינ־ווייניק: מיט גאלד, זילבער און בריליאנטן האט יעדעס ברעקעלע פון דארט אראפגע־שלאגן, און א מאדנע טיפע היליקייט פלעגט אפשטעלן אף די שוועלן פון יענע הויכע טירן, צווינגען אף די קני זיך שטעלן, די הענט אפן ברוסט פארליינן און אפזאגן די ערשטע טפילע: „די טפילע באם אריינגאנג אין זיין הייליקן פאלעץ". און פון דארטן פלעגט אראפ־פירן צום מיטן פון טעמפל, ווי פון גרינע פליסן אין א ניט טיפן טאל...

אין גרונט פון טאל איז א שטילע אכט־קאנטיקע ניט גרויסע וואסערל געשטאנען, און אין מיטן פון איר איז א קליינער העלעמל געלעגן.

דאס וואסערל איז איינגעזוימט געווען אין צוויי רינגען פון אלטע, ניט הויכע, געדיכטע צווייגיקע בוימער: איין רינג האט איר געצוימט פון דער אויסערלעכער זייט און דער צווייטער איז געלעגן ארום די ברעגן פון העלעמל. די בוימער זיינען מיט זייערע געדיכטע צווייגן איבערן וואסערל געהאנגען, ווי זיי וואלטן איר אין זייערע גרינע קרענץ פארפלאכטן. און דא, אונטער די געדיכטע צווייגן, בא די שטא־מען פון די בוימער, זיינען ווי לעבעדיקע ארום וואסערל, פון שטיין אויסגעהאקטע, אין די טייערסטע בריליאנטן-שטיינער אויסגעציר־טע, זקיינים געזעסן, און האבן פון דארטן אראפגעקוקט אין וואסערל, ווי פאר זיי וואלטן זיך דארטן גרויסע זעאונגען, גרויסע וואונדער געעפנט.

און דאס אלץ איז איינגעשלאסן געווען אין ניין רייען פאראלעל-גייענדיקע גאלדענע ארומצוימונגען, וועלכע האבן אויסגעזען, ווי גרויסע פאקלען-האלטער, געשטעלט איינע

הארט בא די אנדערע, אזעלכע ארומצוימונגען זיינען געווען צוויי: איינע איז געלעגן היגטער די בוימער פון דער אויסערלעכערזייט פון וואסערל און די צווייטע – ווי א רונג הינטער די בוימער פון העלעמל.

אט צו דעם העלעמל האבן פון טעמפל אכט ניט גרויסע בריקעלעך געפירט מיט צו צוויי רייען פאקעלן-האלטער. אף די עקן פון די בריקלעך זיינען אכט בימעס אין גאלדענע ארומצוימונגען געווען, אין טרעפ פון ווייסן מארמאר האבן אף זיי ארופגעפירט.

אפן מיטן העלעמל זיינען הארט בא די ארומצוימונגען אכט הייליקע מיזביבעס געשטאנען. און ווי א גרויסער בוים מיט איבערגעבייגטע צווייגן האט זיך פון צווישן זיי א גרויסע גאלדענע מנוירע ארויסגעהויבן און האט זיך מיט אירע פילע רערן איבער אלע זייטן פון דעם העלעמל אריבערגעבויגן.

און ארום דעם מיטן פון טעמפל איז א שטיינערנער כאאיל געלעגן, ווי אונטער זיין וואך וואלט איבערגעגעבן געווען דער הייליקער מיטן פון טעטפל.

און דאס אלץ איז איינגעטונקט נעווען אין דעם אפשיין פון די פיל-פארביקע פענצטער און פון צווישן די טורימס פון גלעזערנעם, אין פארבן-בילדער אויסגעצירטן דאך.

און אין אלע אוונטן, ווי נאר די זון פלעגט זיך זעצן אפן ברעג פון דער ערד, און אין אלע פרימארגנס, ווי נאר די זון פלעגט אויפגיין מיט אירע ערשטע שטראלן און אנהייבן די שטערן צו לעשן אין בלאען טיפן הימל, פלעגן די גלעקער פון אלע נייען טורימס אנהייבן לאנגזאם צו קלינגען. און די באוואוינער פלעגן זיך אין זייערע יאנטעוודיקע קליידער אנטאן, אין זייערע צירונג זיך אויסצירן און אין טעמפל זיך פארזאמלען. פלעגן די באדינער פון הייליקן טעמפל די טויזנטער ליכט און פאקעלן אנצינדן. די הייליגע פריסטער פלעגן זיך אף די בימעס פארזאמלען, אנטאן די גאלדענע קרוינען אף די קעפ און מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט איבער די אכט בריקלעך, א געטלעכן שיר זינגענדיק, צום העלעמל זיך לאזן. און אז די הייליקע פריסטער פלעגן דעם העלעמל דערגרייכן, פלעגן זיך אלע גלעקער שטארקער צעקלינגען, דאס פאלק פלעגט קניען, די הענט אפן ברוסט פארלייגן און אינאיינעם מיט די פריסטער א נייע טפילע זינגען. און אז די פריסטער פלעגן אפן העלעמל ארויף, פלעגן זיי די טפילע זינגענדיק, אין דער גרויסער פיל-רעריקער מנוירע די ליכט אנצינדן און אנהייבן פון טייערע געווירצן קארבאנעם אף די הייליקע מיזביבעס צו ברענגען. און אלץ פלעגט זיך צונויפגיסן אין איין געטלעכן שיר פאר דעם גרויסן באשעפער פון דער וועלט.

און די גלעקער פלעגן קלינגען, שטיל קלינגען.

---

אף דעם ארט, וואו עס שטייט דער טעמפל, איז אמאל, אמאל א קליין וואסערל געשטאנען. די הויכע ברעגן אירע זיינען מיט געדיכטע בוימער ארומגעזעצט געווען און האבן די וואסערל אזוי פארפלאכטן, אז דורכפארנדיקע פארביי איר אין די אוונטן פלעגן מער ניט זען דורך די צווייגן, ווי א יאם פון רויטע פאנאנדערגעשאטענע פונקען.

אין מיטן פון דער וואסערל איז א קלייגער העלעמל נעלעגן אין נעריכטע ביימער איינגעטונקט.

און די וואסערל האט אויסגעזען ווי אלץ–געטלעכעס: ווי דער הימל, ווי די זון, ווי די שטערן, ווי די וועלדער, גראז און בלומען, ווי אלץ, וואס טראגט אין זיך דעם גרויסן סאד פון דעם לעבן פון דער וועלט. און דאס וואסערל אין דעם צווייענדיקן רונג פון די בוימער, מיט די אראפגעלאזטע צווייגן איבער איר, איז טאקע געשטאנען אין עפעס געהיימניספולעם פארטראכט.

און געשטאנען איז זי אין מיטן פון די פעלדער, סעדער און ווײנגערטענער פון די באוואוינער פון דעם לאנד.

נאר אז די זון פלעגט זיך אנהייבן צו זעצן, פלעגן די באוואוינער פון דעם לאנד מורא האבן פארביי איר פארבייצוגיין. עפעס האט מען וועגן דער וואסערל מאדנע זאכן דערציילט. מען האט דערציילט, אז ווי נאר די זון פלעגט זיך אנהייבן צו זעצן, פלעגט זיך די וואסערל עפעס אנצינדן און מאדנע, מאדנע ברענען . . . און אז די זון פלעגט פארגיין,

פלעגט מען זען, ווי אן אלטער פלעגט פון וואסערל אפן העלעמל ארויס, זיך אונטער א בוים זעצן און עפעס טרויעריק אין וואסער קוקן — פארטראכט און פארזונקען . . . און א מאדנער וויינעדיקער געזאנג, פלעגט זיך פון צווישן די בוימער ארויסהערן און זיך אף די פעלדער צעגיסן. און דער געזאנג פלעגט זיין אזוי וויינעדיק! וויינעדיק, רירנד און שטיל. און אז אימיצער פלעגט אין דער צייט פארביגיין א־ער פארבייפארן, פלעגן שטימען פון וואסערל ארויס, זיי נאכרופן און בעטן זיי מיט זיך אין זייער מעלוכע זיך לאזן . . . און אז זיי פלעגן זיך פארן ווייטער זייער וועג, פלעגן די שטימען זיך בעטן, בעטן און וויינען. און אזוי גאנצע איינטן און גאנצע נעכט . . .

עס איז דער ליבער פרילינג געקומען. די באוואוינער פון דעם לאנד האבן זייער ערד פאראקערט. די ערד האט זיך אין גראז און בלומען אנגעטאן, די בוימער אין די סעדער האבן זיך אין קווייטן אויסגעצירט און האבן די באוואוינער פון דעם לאנד פיל האפענונגען געגעבן. נאר זיי זיינען ארוימגעגאנגען עפעס צעטראגן . . . זיי האט עפעס מאדנע געשראקן: גאנצע פערצן נעכט האבן זיי פון צווישן די בוימער פון וואסערל א מאדנעם וויינען געהערט. אזא וויינען האבן זיי קיין מאל ניט געהערט. און ניט אומזיסט: — עס איז קיין רעגן ניט געווען . . . אין דעם אנדער העלפט בוידעש האט מען פון צווישן די בוימער געהערט א מאדנעם פויגל שרייען. א פויגל, פון וועלכן מען האט קיין מאל ניט געהערט; און פערצן טעג נאכאנאנד האבן די באוואוינער ווידער שלעכטעס פארגעפילט . . . און — אנשטאט רעגן איז א שטורעם מיט א האגל געקומען און האט די בלומען צעקלאפט. דעם צווייטן בוידעש איז שטיל געווען ארום, אבער קיין גוטע רעגנס איז ניט געווען. אין די ערשטע פערצן טעג פון דריטן בוידעש — האט מען א מאדנע שווארצע כייע פון צווישן די בוימער ארויסגעזען. און געקוקט האט זי מיט אזא ווילדער שלעכטסקייט אף דער גאנצער לאנד; די באוואוינער האבן ווידער ניט גוטעס פארגעפילט. און ניט אומזיסט: — בהיימעס און שעפסן האבן פאלן גענומען. אין דער אנדער העלפט פון דריטן בוידעש — האט גאנצע פערצן נעכט נאכאנאנד, פון צווישן די בוימער ארויס, א מאדנע ווילדע באשעפעניש געוואויעט... און עפעס אזוי מאדנע: דאס פלעגט זי אופהייבן די קאפ ארויף און וואויען און דאס איר צו דער ערד אראפלאזן און וואויען... די באוואוינער דערשלאגענע פון די פריערדיקע סימאנים, האבן זיך נאך מער איבערגעשראקן; און — עס האבן גענומען פאלן מענטשן, ווי פליגן. יונג און אלט... און די ביסל ברויט, וואס איז אין די שייערן געשטאנען, פארבליבענע פון האגל, ווינט און שטורים, האט מיט א פייער ארומגעכאפט און מיט א מוירעדיקן פלאם צום הימל אויעקגעטראגן.

און עס איז געקומען א ביטערער הונגער־יאר אף דעם לאנד.

האבן זיך די זקיינים פארזאמלט און באשלאסן: אז די עלטסטע פון פאלק זאלן זיך צונויפזאמלען און אין אן אוונט אונטער די בוימער זיך זעצן און זען וואס איז אין וואסערל אזוינס...

און אזוי איז געווען.

אז די זון האט זיך געזעצט און די וואסערל צווישן די בוימער האט זיך אנגעצונדן און געברענט ווי מיט פייער א פארגאסענער שפיגל, האבן זיך אונטער די בוימער די עלטסטע פון די זקיינים צעזעצט און זיך טיף אין וואסערל פארקוקט. און זיי האבן אין געדיכטן, רויטן, פארפייערטן וואסערל מוירעדיקע וואונדער געזען. זיי האבן דערזען ווי אין גרונט פון וואסערל ליגט א גרויסע, שטילע, רואיגע וועלט... א וועלט איבערגעצויגן פון אויבן מיט א טיפן בלאען הימל, און אף דער ערד פון יענער וועלט בוימער, גראז און בלומען. און די צווייגן פייגעלעך און פון דארטן א שטילער זיסער פויגל־געזאנג. און נאך גרעסערע וואונדער: די וועלט האט זיך באלויכטן מיט א רויטער פארגייענדיקער זון...

די זקיינים זיינען דערשראקענע געזעסן אף זייערע ערטער. און ווי עפעס א געהיימער קויעך וואלט זייער בליק צוגעשמידט צום פאנים פון דער זון, וואס האט די וועלט אין וואסערל באלויכטן, און אז זיי האבן זיך צו איר צוגעקוקט, האבן זיי דערזען אז דאס איז ניט קיין זון, נאר א גרויסער פייערדיקער טעמפל

מיט נייען מווירעדיקע טורימס, און פייערדיקע גלעקער זיינען אין די טורימס געהאנגען...

און זיי האט זיך געדוכט אז זיי הערן פון יענער וועלט זייער ווייטן שטילן קלינגען. און דער קלינגען האט זיך מארגע איבער דער וועלט וואס אין וואסערל צעגאסן. און אז זיי האבן זיך טיפער צוגע-קוקט, האבן זיי דערזען, ווי ארום די קופלען פון טעמפל שעבן פייערדיקע מאלאכימלעך ארום און זינגען צווישן זיך א שטילן הייליקן שיר... און זיי האט זיך געדוכט, אז זיי הערן, ווי דער זיסער שיר פון די מאלאכים גיסט זיך פאנאנדער איבער יענער וועלט אונטער דעם קלינגען פון יענע ווייטע גלעקער... באלד האבן זיי דערזען, ווי דער פייערדיקער טעמפל שווימט לאנגזאם-לאנגזאם צום ברעג פון יענער וועלט און דארטן הייבט ער אן זינקען אינאיינעם מיט זיין קלינגען, אינאיינעם מיט זיין שיר. ביסלעכווייז איז ער אראפגעזונקען, און מער ווי זיין שטילער ווייטער קלינגען האט זיך ניט געהערט פון יענער זייט ערד, פון דער וועלט, וואס אין וואסער'ל. מערניסט פייערדיקע טייכן זיינען זיך צונויפגעפלאסן פון אלע זייטן, און עס האט זיך אויסגעדוכט, אז זיי האבן אויס-געגאסן א גרויסן יאם פון פייער און פלוט אף יענעם וועג, מיט וועלכן דער טעמפל איז צום ברעג פון יענער ערד אראפגעשוואומען...

מער האבן זיי גארנישט ניט געזען...

אז די זקיינים האבן זיך צו די באוואונער פון דעם לאנד צוריקגעקערט, האבן זיי דעם פאלק פארזאמלט און אים דערציילט פון די גרויסע וואונדער, וואס זיי האבן אין וואסערל געזען, און דער פאלק האט פארשטיין גע-נומען, פאר וואס און פון וועמען זיי זיינען מיט אזא ביטערן יאר געשטראפט געווארן...

און אף דעם ארט, וואו דער פאלק האט זיין גאט צום ערשטן מאל דערקענט, האט מען באשלאסן צו בויען א גרויסן הייליקן טעמפל...

אזוי איז אופגעבויט געווארן דער טעמפל.

---

אין יענעם לאנד, צווישן יענעם פאלק, האט מיט אסך יארן שפעטער א שטומער גרויסער מייסטער געלעבט. ער איז א גאלד-שמיד געווען.

ער איז אבער געווען א קינד פון זיין פאלק און האט זיין פאלק זייער שטארק ליב געהאט. ריידן האט ער ניט געקאנט, פלעגט ער די ליבע צו זיין פאלק אויסגיסן אין בילדער. אין בילדער פון גאלד. און אין די בילדער געלעגן זיין גאנצע נשאמע: אין די בילדער פלעגט ער די פינצטערקייט פון זיין פאלק באקלאגן, אין די בילדער פלעגט ער זיין ווילדקייט אויסלאכן, אין די בילדער פלעגט ער אים שטראפן און לערנען.

אט מיט דעם האט דער גרויסער מייסטער אין יענעם לאנד, צווישן יענעם פאלק געלעבט.

אין דער צייט, ווען דער שטומער קינצטלער האט אין יענעם לאנד געלעבט, האט נאך אסאך גליקלעכע יארן, ווידער א יאר פון אומגליק געטראפן: קליינע קינדער האבן שטארבן גענומען.

און עס האט איפגערוערט דעם גאנצן פאלק.

האבן די הייליקע פריסטער דעם פאלק פארזאמלט און האבן צו אים אזוי געזאגט:

— „דאס איז א שטראף פון זיין ליבן נאמען דערפאר, וואס נאך ביז היינטיקן טאג שטייען די נייען קופלען פון געטלעכן טעמפל אן קרוינען. — ווי פון די הייליקע ספאים איז אבער קאנטיק, איז זיצנדיק אונטער די צווייגן פון די ביימער, האבן די זקיינים אף די נייען קופלען פון פייערדיקן טעמפל, וואס אין וואסערל, געזען נייען קרוינען... דעריבער זאגן מיר אין גאטס נאמען, אז איר זאלט זיך צונויפנעמען, אויס-גיסן פון ריינעם גינגאלד נייען קרוינען און מיט זיי באצירן דעם טעמפל. און גאט וועט אפזוענדן זיין שטראף“.

דער פאלק האט אויסגעהערט און גענומען טראגן גאלד.

די פריסטער האבן די גאלד צונויפ-געזאמלט און זיך צום מייסטער געווענדעט, ער זאל זיי די נייען קרוינען פארן טעמפל-אויסגיסן.

דער שטומער מייסטער האט געטראכט אווילע. נאך דעם האט ער זיי צו פארשטיין געגעבן, אז ער איז מאסקים. און האט געבעטן מע זאל אים אף א פאר טעג די הייליקע ביכער פון טעמפל געבן, די קרוינען זאלן זיין אזוי, ווי גאט פארלאנגט זיי.

האבן די פריסטער די הייליקע ביכער פון טעמפל געבראכט.

צוויי טעג איז דער שטומער מייסטער איבער די הייליקע ביכער געלעגן און אפן דריטן טאג איז ער ארויף צו איינע פון די גרויסע טירן און האט זיך פון דארטן אין טעמפל אראפגעלאזן.

דורך די הויכע פענצטער און צווישן די טורימס פון דאך, האט זיך די זון דורך די פיל=פארביקע גלעזער געשפילט אף אלע ווינקעלעך פון טעמפל. און דער שטיינערנער כאאיל איז אין נעלענן, ווי איינגעטונקט אין דעם היילקן אפגלאנץ פון דער שכינע . . .

דער שטומער קינצטלער איז געשטאנען אווילע, דערנאך האט ער גענומען יעדע ברעקעלע באטראכטן. צום ערשט האט ער דעם שטיינערנעם כאאיל באטראכט. פון אים האט ער זיך אראפגעלאזן צו די נייען רייען פאקלען=האלטנדיקע ארומצווימונגען. פון זיי האט ער זיך אף איינער פון די בימעס אופגעהייבן און האט גענומען די בריקעלעך באטראכטן. נאך דעם איז ער פון זיי אפן העלעמל אראפ און האט די מיזבייכעס מיט דער גאלדענער מענוירע באטראכט. פון דארטן האט ער זיך צוריק אף איינעם פון די בריקעלעך איפגעהייבן און האט גענומען באטראכטן ביידע ברעגן פון וואסערל. ער האט לאנג געקוקט אף די איבערגעבויגטע בוימער און נאך לייגער אף די זקיינים, וואס זיינען אונטער זייערע צווייגן בא די שטאמען געזעסן . . . נאך דעם איז ער ארופגעגאנגען אף א צווייטן בריקעלע, וואו די וואסערל איז ניט אזוי אין די צווייגן פארפלאכטן געווען און האט זיך אין וואסערל פארקוקט, ווי ער וואלט איצט וועלן ארויסזען פון דארטן דעם גרויסן סאד די גרויסע וואונדער, די גרויסע זעאונגען, וואס די זקיינים האבן דארטן אמאל געזען. אין וואסערל האט זיך אפגעשפיגלט פון אויבן – דער דאך מיט זיינע פילפארביקע גלעזער, פון די זייטן זיינען די געדיכטע בוימער מיט זייערע צווייגן איבערן וואסערל געהאנגען, פון אונטער זיי האבן זיך די אויסגעצירטע זקיינים ארויסגעזען, ווי זיי זיצן באצויבערט, פארטראכט. און איבער דעם אלץ זיינען געהאנגען די גאלדענע בריקעלעך מיט זייערע פאקלען=האלטנדיקע פארענצן...

דער שטומער קינצטלער האט געקוקט, געקוקט, און אף זיינע ליפן האט זיך גענומען אויסשניצן א שוואכער איראנישער שמייכל. מיט דעם שמייכל איז ער געשטאנען א ווייִלע, נאך דעם איז ער מיטאמאל טרויעריק געווארן און פון זיינע אויגן האבן זיך אראפגעקייקלט צוויי גרויסע טרערן און אין וואסערל אראפגעפאלן.

דערווייִלע האבן די גלעקער אנגעהייבן צו קלינגען. צום ערשט לאנגזאם און שטיל, נאכדעם אלץ שטארקער און שטארקער. די הייליקע באדינער האבן גענומען די ליכט און פאקלען אנצינדן. עס האבן זיך איך די נייען רייען פאקלען=האלטנדיקע ארומצווימונגען אנגעצונדן און האבן דעם היילקן מיטן פון טעמפל ארומגעכאפט ווי מיט צוויי געדיכטע פייערלעך=רינגען און די אנגעצונדענע בריקעלעך האבן אין אכט ערטער די רינגען דורכגעהאקט, ווי מיט צו פיר פייערדיקע שנירעלעך. דורכן גלעזערנעם דאך איז קאנטיק געווארן, אז אויך די טורימס צינדן זיך אן אין ליכט . . . און די וואסערל האט זיך אין טויזנטער פייערן אנגעצונדן, ווי פרעכטיקע קוואלן פון שיינקייט וואלטן זיך אין איר גרונט געעפנט.

דער שטומער קינצטלער האט זיך פארקוקט אין די נייע קוואלן, און נייע טרערן האבן זיך פון זיינע אויגן אראפגעקייקלט און אין וואסערל אראפגעפאלן.

באלד האט זיך דער פאלק אין טעמפל זאמלען גענומען. דער שטומער קינצטלער איז פון בריקעלע אראפ און זיך בא איינער פון די גאלדענע בימעס געשטעלט. די פריסטער האבן זיך אין זייערע הייליקע בגאדים און קרוינען אנגעטאן, זיך אף די בימעס פארזאמלט און איבער די אכט בריקעלעך, מיט אנגעצונדענע ליכט אין די הענט, זיך צום העלעמל



מיכאאיל יאַ. „אירמעיאָהו האנאָווי״.
(איל). 1919.

געלאזן. דער פאלק האט ארום געקניט. די פריסטער האבן אף די אכט מיזבייכעס הײליקע געװירצן פאררײכערט און אינאײנעם מיטן פאלק זיך צוזונגען אין א שטילן הײליקן שיר. און איבערן טעמפל האט זיך א מאדנע הײליקײט צעגאסן . . .

דעם שטומען קינצטלער איז זײער שװער געװארן און ער איז פון טעמפל ארויס־געגאנגען.

---

דער שטומער מײסטער איז אהײם גע־קומען און האט זיך פון דעם גאלד גענומען די נײען קרוינען פארן טעמפל ניסן.

נײען װאכן האט ער געארבעט אף די נײען קרוינען און צום ענדע פון די נײען װאכן זײנען די קרוינען פארטיק געװארן.

און מאדנע קרוינען זײנען דאס געװען. אזעלכע קרוינען האט נאר געקאנט שאפן א גרויסער קינצטלער און א נעשאמע, װאס איז פול געװען מיט ליבע צום פאלק פון יענעם לאנד. צום ערשט האט מען אין זײ מער װי קרוינען ניט געזען. נײען גרויסע, גאלדענע און זײער שײנע קרוינען. האט מען זיך אבער צו זײ טיפער צוגעקוקט, האט מען שוין גאנץ אנדערש װאס געזען: מען האט געזען, װי נײען קרוינען זיצן אף נײען זײער גרויסע פלאנטערם און אף זײ איז אויסגעקריצט: „הײליקע פלאנטערם". האט מען זיך נאך בעסער צוגעקוקט, האט מען שוין א גאנץ אנדער בילד געזען: אף א גרויסן פלאץ איז געלעגן א מוירערינער פלאנטער און א גאנצער פאלק האט פאר אים געקניט און פארגעטערט אים מיט א הײליקן שיר. און אט אין מיטן פון דער טפילע האט מען געזען װי אײנער האט זיך אויסגעטײלט און רעד אזוי פײערדיק פארן גאנצן קניענדיקן פאלק. און פון אים אין ארום אים זײנען איבערן גאנצן בילד גאלדענע אויסיעלעך צעװארפן. װי דאס װאלטן געװען די װערטער, װעלכע יענער האט אין פאלק געװארפן. און פון יענע אויסיעלעך האבן זיך פאלגנדע װערטער צונויפגעשטעלט:

שײלט אוים די װעלט פון אײער הײליקן שאלעכץ!
די נאטור איז אזוי אויך געװוג פרעכטיק באשאפן.
די װעלט איז פון סוידעס א קונצט־פולע װעבונג,
נאר די סוידעס אנטדעקן װעלן קײן מאל קײן שקלאפן,
בא װעלכע עס איז הײליק נאר
דאס, װאס ניט קלאר . . .

אט א די קרוינען האט ער איבערגעגעבן די הײליקע פריסטער פארן טעמפל.

אז די פריסטער האבן די נײען קרוינען דערזען, האבן זײ אים געפרעגט:

— זאג אונז, צו װאס האסטו אזעלכע קרוינען פון אונזער גאלד געגאסן?

האט זײ דער שטומער קינצטלער אף זײן שטים־לאשן צו פארשטײן געגעבן:

— איך װיל די ניט הײליקע הײליקײט אין מארך פון פאלק ניט הײליק מאכן, קעדײי דער פאלק זאל גליקלעך זײן.

האבן די הײליקע פריסטער אופגעקאכט, אים אין קײטן פארשמידט, האבן א גרויסן פײער אין מיטן פון יענעם פאלק פונאנדער־געלײגט און האבן דעם שטומען קינצטלער, אינאײנעם מיט זײן שאפונג, אף יענעם פײער פארברענט, פאר די אויגן פון גאנצן פאלק, אונטער דעם קלינגען פון אלע אײנע און אכציק גלעקער.

און אז דער שטומער קינצטלער איז פאר־ברענט געװארן, האט זיך דער פאלק אין טעמפל פארזאמלט און, אינאײנעם מיט די הײליקע פריסטער, גאט געדאנקט, װאס ער האט מיט זײן געטלעכן פינגער אנגעװיזן אף דעם גאט־לעסטערער, װאס איז אינדערטיף פון פאלק געזעסן, גאט געלעסטערט און מיט דעם גרויסע צארעס געבראכט אף דעם פאלק.

---

אסאך יארן זיינען פון דאן אריבער. דער ארט, וואו דער שטומער קינצטלער איז אמאל פארברענט געווארן, איז שוין לאנג מיט הויכע גרינעם גראז באוואקסן געווארן, נאר קיינער פון דעם פאלק פלעגט זיינע קינדער צו יענעם ארט ניט לאזן. ווארום מען האט דערציילט, אז ווי נאר איינער קומט צו גיין צו יענעם ארט, הערט זיך פון אים א פארשטיקטער שווערער קאָל:

שיילט אוים די וועלט פון אייער הייליקן שאלעכץ!
די נאטור איז אזוי אויך געניג פרעכטיק באשאפן.
די וועלט איז פון סיידעם א קינסט־פולע וועבונג,
נאר די כווירעם אנטדעקן וועלן קיין מאל קיין שקלאפן,
בא וועלכע עס איז הייליק נאר
דאס, וואס ניט קלאר.





„קאלט״. האלץ־שניט.

ד״ר וו. הירשבערג
באַזיצ. קונסטווינקל „ארבעטער־היים״.



ד״ר ה. הירשבערג.
באויץ, קונסטווינקל „ארבעטערהיים״.

„הונגער״. האלץ־שניט.



שאץ.

# גיילעם.

## א. כאאם.

טיהו וואוויהי. הימל=ערד, אנהייב=סאף.
לעבן=טיט. אלץ אינאיינעם.
איבער אלץ איינזאם, הויך:

– גייסט. ווילן צו הערשן, צושטערן
באשאפן.
ווארפט זיך גייסט מיט פרייד אין כאַאס.
גראבט זיך איין, רייסט אף שטיקער, האמערט-
שמיט צוזאמען ווענלטן, אט=אט באהעפטן זיך
טיילן – א גאנצעס?

כא⸗כא! שפליטערלעך, ווינציקע, שטויביקע.
זעט! איצט האט אדלער⸗גייסט טיף זיך אריינגעביסן אין כאאס⸗הארץ וויסט: אפגלאנץ פון גייסט, נעשאמע, באהעפט זיך מיט כאאס⸗קינד, גוף:

– ל ע ב ן. הינטן לויערט טויט.

אדלער⸗גייסט האט כאאס⸗הארץ צוריסן. גרא שפליטערל האט ליכטיק איפנעבליצט. פייער⸗גייסט האט שוין אין כאאס זיין נעסט:

– מ ע נ ט ש. אינטן לויערט כאיע.

מענטש – אייביקער כאאס⸗סוינע. אנהויב פון סאף. קאמף פאר ארדנונג. שאפן געטער. בויען וועלטן, אייביקע בינקשאפט.

מענטשן⸗קאמף. ווילדע שטורעמס, וועלטן אין שטויב. געשיכטע: אייביקער נעפל, בלוטיקער טאב. פארווערטס!

טייהו וואווייהו פון סאנים באלאגערט. אויבן האמערט גייסט. אונטן גראבט מענטש. וואס אייבן – דאס אונטן. צוויי ארעמס ⸗ גיבורים שטיקן⸗ווערגן פינצטער כאאס. מענטשן⸗גייסט רייסט זיך צו מאקיר. שיקט שאליאך פון אונטן ארוף:

– ג א ט. הינטן לויערט טייוול.

הויך איבער וועלטן זיין ליכטיקער טראן. גייסט⸗גאט א י ב ע ר כאאס. מענטש אינטן, אין כאאס. רייסט זיך גאט צום באשעפער אראפ, צו מענטשן⸗גייסט.

אט⸗אט באהעפטן זיך ביידע אין איינס, ניטא מער כאאס?

כא⸗כא⸗כא! פונקן, עלעקטרישע פינקן:
ציק⸗צאק! און – פינצטער.

כאאס פינצטער. גייסט איז ליכט. קאמף אן סאף, אן ראכמאנעס. גייסט מוז הערשן, קנעטן מאטעריע⸗ליים.

גאט אין כאאס⸗טפיסע, רייסט גראטעס. ליים איז ווייך, ליים איז ביגיג. אי־עמס ווייכע, ארעמס⸗שלאנגען ציען⸗שלעפן גאט אלץ טיפער. פארזונקען אין ליים. כוימער⸗גאט.

א! לאנגזאם ווי וואר ם קריכט כוימער⸗לעבן.
ווען?

ווען וועלן געטער, מ י ר ג ע ט ע ר, לעבנס⸗וועלטן שאפן? שטיל, כאאס⸗מענטש!

גייסט כאלעמט. גייסט וועכט. כאלעמט באגינענס, וועכט אימעגליכס.

## ב. בינקשאפט.

אלץ, וואס פארגייט, איז סימוואל פון אייביקייט.

לויט בילד פון גייסט | האט מענטש זיין גאט באשאפן.

גייסט באוויזט דער וועלט איר ווערט.

אורמענטש, זאט, קוקט אין הימל. דרייט פון ערד א קויל אין האנד. איינעם – צוויי. שפילט זיך, פרייט זיך. לייגט צונויף. שטעקענס לאנגע⸗הענט און פיס.

אורמענטש קוקט פארטראכט אין הימל.

שאטן שלאפט ניט היש! אריין אין ערד⸗קויל. אין – שטייט א געץ, הייליק, מעכטיק.

אורמענטש ציטערט, אף די קני: „האב ראכמאנעס”.

גאט פון ערד, האב ראכמאנעס אף מענטש פון גייסט.

* *
*

גייסט היילט⸗לויפט דעם לעבן פאראויס פארויס:

שטיינדלעך טויטע. קליפ⸗קלאפ⸗קלאפ! פייער⸗וואסער, קאלט און ווארם, פלינק, באהעפט זיי גייסט⸗געדאנק. אט ווערט ליכט – באוועגונג

– ל ע ב ן.

– ה א מ ו נ ק ו ל ו ס –

קליין מענטשעלע צאפלט ⸗ ציטערט אין פייערדיק גלעזל.

– קלוג בין איך – אלץ פארשטיי. צארט בין איך – ריר מיך נישט. גלעזל דין – מיין וועלט⸗געזעץ. קלויסטערקאמערל – מיין וויג. האלבע נאכט – מיין דאר.

לעבן קליין. לעבן קונציק. נאר אין גלעזל.

דזין! געפלאצט. ארץ פארביי: טויטע שטיינדלעך: קלופ⸗קלאפ⸗קלאפ!

האמונקילוס – כוימער⸗גלאז. מענטש איז גייסט. בינקשאפט⸗גייסט.

*
* *

געטא-מויערן. קרומע צופּרעסענע ציינער בייסן-רייסן בלאען הימל.

געטא-הייזער. איימערדיק בלאטערן אף צוקנייטשט אלט פּאנים. שמיציק כוימער, מיעס ליים.

געטא-גייסט. טיף פינצטער מאָס. פאר-בארגענער קייאך. שטארקער פאר מויערן. פעדים ציען זיך, פלעכטן דורך הייזער, גאסן, מאסן.

געטא-וועלט פול ניסים. געטא-שטיינער גייסט פול ליידן.

יאוש, האפנונג. לעבן צו לעהאכעס. דיירעס אן אנהייב. אויסדערהוילט צו נויט און פּיין.

גייסט געלויטערט דורך פייער און אייזן. גייסט, וואס שטארקער פאר פייער און אייזן, ציבור - גייסט אין יאכיד - לעבן, טויט און לעבעדיקם. ווייט און נאנט. אלץ פארוועבט אין כאאס-מאָם.

גייסט שאפט ניסים. געטא - מויערן פיל וואונדער. געטא-הייזער סיידעס, סיידעס.

יעדע רעגע - מ א ש י א ך!

מאשיאך - דערלייזער. ווער קאן ווארטן? שאפס-צווי. פאראט און גלויבן. מאכט און קנעכטשאפט. מאשיאך קומט!

צו האט וואו העכער - טיפער - מעכטיקער פייער-גייסט געברענט-געלויכטן?

מאשיאך וועלטבאנייער.

## ג גיילעם.

פראג. אלטנייער בעסמעדרעש.

כיישעך-ליים. דורכגעקנאטן מיט ניסים פון לעבן. איינגעהילט אין שאטנס פון טויט.

אין קרום הייזל לעבן שולהויף וואוינט

- ר ע ב ע.

קרוין פון געטא-גייסט. דימיוי, היסלאהא-וועס, וואונדערגלויבן. אלע בענקעניש און פלאג. אלע שטרעבן און פרייד. אלץ שטראמט צו-נויף אין רעבע-גייסט. ניטא קיין ברעגן, ווייטע, פרעמדע, וואונדערבארע נעשאמע-וועלטן.

נעטא-לעבן - אייביקע סאקאנע, נויט און שיר, פיין און מאָס. וואו א טריט-א פיינט. יעדער אטעם-האס.

כוואליעס גיפטיקע, פינצטערע, בלוטיקע, אט-אט ווערט גייסט-פונק פאלאשן.

באלד בלאזט עס א שטורם-ווינד מעכטיק פאנאנדער.

העל ברענט גייסט-פלאם. באלויכט ווייטע וואונדער-וועלטן.

רעבע פירט קאמף קעגן כאיע-וועלט.

קעגן כוימער זאל קעמפן קייאך פון כוימער, בלינד, שטום, געהארכזאם ליים.

ווידער שטייט בוירע פאר טיהו וואוואיהו.

בלאזט אטעם פון לעבן אין כוימער ארײַן:

- ליים, קאלטער, טויטער! אין גייסט-נא-מען-גיי, צושטע, טו!

- ג י י ל ע ם.

אין ליימענעם גוף ליגט רעבע ארײַן שיים-האמפּירעש, הייליק גייסט-ווארט.

- גיילעם! זיי שאליאך פון גייסט. פלענער פון סאנים צוברעך - צושטער. איידע פון הארבער סאקאנע פּארהיט. לעב-אין נאמען פון גייסט!

גיילעם-קייאך אן א שיר. ווייס פון גייסט נישט-נאר פון כוימער. גייסט, נעשאמע פאר גיילעם פארשלאסן. בלינד, טויט ווערקצייג פון איידע-גייסט, פון רעבע-ווילן.

כוימער-וועלט ציטערט:

- גיילעם גייט! -

* * *

אומרו אייביק פייניקט נעטא.

אומרו קריכט פון הויז צו הויז. אומרו שליינגלט זיך דורך געסלעך. כוואליעס שטייגן, כוואליעס פאלן. אומרו-טרויער, אומרו-שרעק, אומרו-ווייטאק, אומרו-צאאר.

האיך צונויפגעפרעסט מיט צוואנגען. שפרינגט באלד ווייטער. לאזט א טראפן. קלייבט זיך אומרו אין נעשאמע. באלד פאר-פלייצט שוין לעצטער ווינקל. וועט נעשאמע באלד דערשטיקן.

ארויס מוז אומרו פון נעשאמע. פון יעדן הארצן. פון געטא פינצטער. עפעס, עפעס מ ו ז געשעען! נאר איין פונק! — — — — —

א! וואס באוועגט זיך דארטן אזוי מארנע, אזוי שטייף?

ניט מענטש, ניט כאיע, ניט מאשין?

בליץ צוקט ווילד דורך געטא-גאסן:

- גיילעם גיטן גיילעם דאן

אט פון קרומען הייזל לעבן שולהייף אקארשט וואס ארוים.

או— או! גײלעם...

טייהו וואוייהו פון נעשאמע, שטורם ברוויזט אין געטא־אומרו. הערצער אָפּן. גרויסער טאשלעך.

גיילעם־גייסט—שאליאך ציבור. איינן פאנים זעט אין גיילעם יעדער יאכיד. אומרו־יאכיד, אומרו־קאל, אלץ פארקלייבט זיך היינט אין גיילעם.

גיילעם—רואך. גיילעם—נעשאמע־קריינק.

בלינדע אויגן אופגעריסן פון נעשאמע־געהענעם, נעשאמעס צוריסענע, געפלאצט פון צאאר און נויט.

פון דאר צו דאר באוויזט זיך גיילעם. יעדן דאר – איין מאל נאר.

אלע דריי און דרייסיק יאָר, בעאיים עס בייט זיך דאר נאך דאר, וויזט זיך גיילעם לעבן שולהייף, בא בעסמעדרעש אלטנייעם, אט פון רעבעס קרומען הייזל.

— גיילעם גייט!

אלץ, וואס אף נעשאמע־דעק, אלץ ארוף: פאבעד, קאאס, האס און ליבע.

דארטן – עמיצער געהארגעט, מאנס געוועין, דערטרונקן. דא – ווילד ליבע אופגע־פלאקערט. שידים—טאנץ אומעטום. יאנטעוו פאר אינסטינקטן בלינדע.

שטראם—לאווינע טראגט זיך – גיסט זיך איבער געטא, רייסט אלץ מיט זיך.

גיילעם גייט!

פארבײ סאקאנע. נעמט רעבע פון גיילעם ארויס שים־האמפּײרעש.

שליאָפּ! גיילעם—וויבער מויטער ליים.

גיילעם־ליים—מאשיאך אין געטא־נויט.

## ד. אלרוין.

מיטלאלטער. נעבל־וועלטן. סידעם־לעבן.

רובעס, רובעס ארום געטא. שאפט ־ דער־ציילט אלט רובעס־גייסט:

צוועלף באנאכט. דארט וואו וועגן קרייצן זיך, ווערט געהאנגען מערדער־גאזלען.

טויט און לעבן קושן זיך. נאנט – נאנט. אזא אימע! אזא פרייד!

מערדער ־ זאמען טריפט אף ערד. זאמען גיפטיק, זאמען הייליק. האס און ליבע.

דארשטיק ערד זייגט איין גיפט־זאמען. און אין רענע—בלום געוואקסן, פעסט אין מוטער־ערד פארווארצלט.

רויטע בלום. גיפטיק בלום. מערדער־זאמען סידעם—קויבעס.

* *
*

— ווילסט ארוים פון לעבן־שטראם, לאנג־זאם־ווינציקן און שטילן?

גיי אין לעוואנע־נאכט דארטן, וואו טליע שטייט. בלימל—רויט פעסט פארווארצלט וואקסט אונטער טליע הויך.

גראב מיט אימפעט. גיכער. האסטיק! וויל נישט, לאזט נישט אפּ מוטער—ערד בלימל־רויט?

ריים מיט גוואורע!.....

ווי־געשריי האט נאכט צעריסן.

אין דיין האנד - קליין ווארצל הארט. צימערסט? מענטשן־פאנים, קליין, פארקרימט. קליין מענטשעלע אין האנד:

— אלרוין.

ווארצל־אלרוין ברײנגט מאזל און רייכקייט. ווער ס'האלט עס, לעבט גיכער, לעבט ווילדער, לעבט פולער. יאגט אלרוין שטראם פון לעבן אלץ ארוף, בארגארוף, העכער־העכער. גיכער־גיכער.

טראך! – אין טאָם.

אומגליק אף אומגליק, און ווילר־מעשונעדיק טויט.

כא־כא־כא! פ'לאכט אלרוין פול צארן־פרייד,



כוימער – אלרוין האט לעבן־גייסט באהערשט. מויטער קרומער ווארצל־האלץ שפילט מיט גיירלס, ווי מיט שטיינדלעך.

ארום געטא טאנצן רוכעס, סיידעס־רוכעס. שיידים־טאנץ.

## ה. גייסט.

הימלען־אייביקייט – סימוואל אף דר'ערד. אייביקע מאשיאך = ביינקשאפט. [עצעם פון גייסט איז באהערשן טויט כוימער! און יעט־ווערער פארם פון גוף זיך אנטפלעקן.

ווי שווער איז אייזן־גוף. טרייבט עם גייסט ארץ גיכער, געשווינדער!

אייזן־שטאל שאליאך פון טויט: מעסער – שווערט – ביקס – הארמאט. געשווינדער – ווייטער, טויט = שאליאך.

אייזן איז שאליאך פון לעבן־פרייד: אייזנבאן – פלימאשין – ראדיא! אנזאג פון נייער באפרייענדער ווייטקייט.

דראט־נעץ האט ערד־וועלט געפאנגען. דראטן־ווערטער, דראטן־שטימען, דראטן־בילדער. דראטן־נערוון,

באפרײַט זאָל ווערן פון דראַטן־נעץ וועלט.
הילכיק — פרײַ קלינגט מענטשן — קאָל
וועלטיק:

— אלעמען! אלעמען! אלעמען! קלײַן־
„איך׳עלע״ טויט! גײַסט־דראַטן, מעכטיקער פון
שטאָל און פון אײַזן האָבן צונויפגעשמיט וועלט־
ערד און מענטשהײַט.

נײַער, מוירעדיק־פרײַדיק „איך״ שוין גע־
בארן. פון ערד ביז הימל. מיזראַך־מאַאַריוו־
צאָפן־דאַרעם.

א! ווי קלײַן אונזער וועלט! גײַבט האַלט
ערדקײַל, שפּילכענדל קלײַן. דרייט אַהין,
וואַרפט אַהער.

מענטש־גײַסט פון אויבן זעט אונטן קלײַן
קלײַן וועלטל.

מײַרעדיק הערשער, וועלט־איך געבאָרן.
גײַסט זײַן פאָטער. „מיר־אלע״ זײַן מוטער.
מאשיאַך גײט — קומען! מאשיאַך שוין דאָ!

* *
*

און דאַמאָלס —
דאַמאָלס וועלן מיר, געטער, נײַע לעבנס־
וועלטן שאַפן. מיר. יעדער. איך.
געדאַנק — ווילן ווערט גוף־סימוואָל.
גײַלעם־כאַלעם לעבעדיק לעבן.
גײַסט שאַפט לעבן, פרײַ, אײביק:
— קינדער פון גײַסט.
ניט לײַם. ניט רויך. רײַנדיק לעבנ־
שטראָם פון הערשנדיק מענטשן־גײַסט אופ־
געכאַפּט, אומגעשאַפן, ווײַטערגעטריבן!
מאשיאַך גײט! מאשיאַך שוין דאָ!
טקופע פון גײַסט.



## ב. מעאן.

# דער שטריט.

אף איינעם פון די שענסטע אינזלען אין דער וועלט, אף זיין אויסגעפוצטן מיריוו-ברעג, וואס ליגט באם פערלדיקן יאם, שטייען צוויי פּרעכטיקע פיגורן, געהאקט פון זעלטן-רייכן מירמל-שטיין פון אן אומבאַקאנטן סקולפּטאר.

איין פיגור שטעלט מיט זיך פאר א בילד פון אן ענערגיש-שטאלצן מאנספארשיין.

די צווייטע — א רייצנד שיינע פרוי.

די מענער-סקולפּטור קוקט מיט זיין שארפן טיפן בליק אין דער בלאער יאם-ווייטקייט אריין און אין אלע זיינע שטיינער-קנייטשן פילט זיך דער אריינדרינגענדיקער און פארשנדיקער גייסט, א גלייכגעוויכט, אויסגעהאלטנקייט און אויסגערעכנטקייט.

די פרויען-סקולפּטור איז א פּאעטישע פארקערפּערונג פון באגייסטערונג און ליידנשאפט, א מארנע זארגלאזיקייט און ניט דורכגעטראכטע אויפשלאסנקייט.

ער — איז א פארקערפּערונג פון מענטשליכן שויכל

זי — דאס מענטשליכע געפיל.

---

די רויטע אפשפּיגלונגס-פלעקן פון דער ווייט-ווייט איבערן ים פארגייענדיקער זון, שפּילן זיך אפן ווייסן מארמאָר פון די צוויי סקולפּטורן און גיסן זיי מיט לעבן אן.

און זיי שטרייטן צווישן זיך.

ווען וואס?

צוויי רויטע גלאנצנדיקע פייער-זיילן ציען זיך פון רעכטן מיטן פון דער זון, שניירן דורך די ברייטקייטן פון יאם און בלייבן ליגן באם צופוס פון די געשטאלטן. ווי די זון, פאר איר פארגאנג, וואלט געשיקט צו זיי איר לעצטן ליבליכן גערוס, און לייכט ניט מער פאר קיינעם אויסער זיי.

און עס זעט דעם שייכל-פארקערפּערנדיקער מארמאר-שטיין דעם צווייטן עק פון פייער-דיקן זייל באם ברעג פון זיינע פיס און זעט נישט דעם עק פון צווייטן פאס באם צופוס פון זיין פרעכטיק-אויסגעטאקטער שביינע. און די געפיל-פולע שיינהייט זעט ניט, וואס עס זעט איר רואיג-קלוגער שאכן.

און זיי שטרייטן.

זיי שטרייטן וועגן דעם, וועמען לייכט די זון.

— די זון? — טיינעט איר רואיק-קלוגער שאכן — די זן זעצט זיך, זעגנט זיך מיט די הימלען, מיט איבן פון דער וועלט און אף דער ערד נאר מיט מיר. זי האט א שמייך געטאן מיט אירע פּורפּור-פלאמען אין דעם אונטיקן הימל און מיט וואסער צוגעשיקט איר לעצטן שטראל צו מיר.

און עס ענטפערט אים זיין שביינע:

— די זון לייכט נאר פאר מיר און מער פאר קיינעם. דעם גאלדענעם שטראל האט געשיקט די זון צו מיר. דיך נארט דיין אויג באם טונקל-ווינגדיקן יאם.

און אזוי שטרייטן זיי ביז היינט.

ל. וואולפסאן.

# דער שטורם.

אין שטוב איז אן אומעט,
אין שטוב איז א קעלט...
פארכײשעכטע נאקעטע
קלײן שטיקל וועלט!

און דרויסן? אין דרויסן,
איר הערט, ווי אצינד
עס יאגט און עס וואיעט
א שטורמדיק ווינט?

אין פֿעלדער, אין וועלדער,
אין דארף און אין גאס
עס הוליעט דער שטורם
מיט פֿרייד און מיט קאאס!

ער פֿליט מיט א גוואורע
ער רייסט זיך אין טיר —
און פײפֿנריק לאכט ער:
— „די וועלט געהער מיר!"

עס ציטערט די ארימע
קלײן שטיקל וועלט —
„וואס וויל אזוינס האבן
דער אומרואיק העלד?"

— וואס זיצטו אין קאמער,
דו נארישער טראפּ?
ווארף גיכער די אלטע
בגאדים אראפּ!

צו האסטו דען מער,
ווי דיין שטיקעלע ברויט, —
איך וויל דיך באפֿרייען
פֿון קעלט און פֿון נויט.

— „ווי ווילסט עס דערגרייכן?
ניט אלץ איז דאך גלייך:
עס זיינען פאראן דאך
נאך ארים און רייך!"

— מיר וועלן צעשטערן
די וועלט פון אמאל,
מיר ברעכן דעם בארג
און פֿארשיטן דעם טאל.

נאר גיכער, וואס גיכער
פֿין שטוב קום ארויס —
מיר וועלן צעווארפֿן
דיין עלנדע הויז!"

א ריס און א שטויס,
און שיין פֿאלן די ווענט! —
א פויסט ווערט געבארן
פֿון שטיינקאלטע הענט!...

ש. פרידמאן.

# שנייעלעך.

פרישינקע שנייעלעך,
ווייסינקע טײַבעלעך,
קומט איר צו פליען
פון ווײַט.
געשלאסענע אײַגעלעך,
ערשט פון די אײַעלעך,
קומט איר אין ווײַסן
באנײַט.
זעט, ווי די בײַמעלעך,
עלנט יעסיימעלעך,
שטײַען און וואַרטן
אף אײַך;

ס׳וואַרטן די גרעזעלעך,
טרוקענע בלימעלעך,
רואיק אויך ליגט שוין,
דער טײַך.
קומט דאַך איר ווײַסינקע,
שנײַעלעך קלײַנינקע,
דעקט אונז אין ווײַסן
שוין צו.
אף נאַקעטע גלידערלעך
שפרײַט אוים די פלינקעלעך,
ברײַנגט אונז א כאַלעם
פון רו.

מ. א.

# וועגן אַנ—סקי.

פילפּאַרביק, ווי דער גײַרל פון אונזער אײַנגאַרטיק דאַר, איז אַנ—סקי׳ס פּערזענליכקײַט. ער געהערט ניט צו די, וואָס זײַנען מיט א קאָפּ העכער פאַר דער אָרומיקער סוויווע. ער איז אײַנג און פעסט מיט איר און אין איר דורכגעפּלאָכטן. אומעטום ציען זיך די וואָר־צלען פון זײַן לעבן, טראַכטן און טאָן.

ער האָט געלעבט א פּילן לעבן. און איז געשטאָרבן א אײַנגן טויט. — ביזן סאָף איז ער אזוי יונג געווען. פון וואָס זשע איז ער געשטאָרבן?

פון נירן? פון לונגען? פון האַרץ? דאכט זיך, די אָרימע מעדיצין האָט אויך דאָס מאָל קײַן לאַטײַנישן נאָמען ניט געפונען.

ווי אסאַך באַדײַטנדע מענטשן אין די לעצטע יאָרן, איז אויך אַנ—סקי געשטאָרבן — פאַר דער צײַט, דורך דער צײַט.

עפּעס פּאַלט זיך פונאַנדער דער אינווײַניג־סטער גײַסטיקער צעמענט ,וואָס האַלט צונויף די מאָראַלישע און פיזישע פּערזענליכקײַט — און דאַמאַלס באַווײַזן זיך פּלוצלונג נירן און לונגען און האַרץ־פעלערן...

מיר לעבן אין א צײַט פון גרויסע ענטוווּדעראָדערם. און ווער עס געהערט ניט צו „ענטוווּדער" און ניט צו „אָדער", דער צעפּאַלט זיך, ווערט צוריסן, ווערט אופגעלויזט אין כאָאָס.

אַנ—סקי האָט, פאַרשטײַט זיך, ניט געקאָנט זײַן — נאָר „דאָ" אָדער נאָר „דאָרטן". דער עצעם פון זײַן גײַסטיקער נאַטור איז געווען — אומעטום און מיט אלעמען, וואָס איז ער ניט געווען? וואו איז ער ניט געשטאַנען?

אין אַלע ווינקעלעך פון אונזער הײַפּעכפּולן זײַן האָט אַנ—סקים אײַביק וואַכנדיקער באַוואוסטזײַן זיך היימיש געפילט, אינ׳ם נעכטן, אינ׳ם הײַנט און אינם מאָרגן.

---

דרײַ נעשאַמעס האָבן זיך שטענדיק געראַנגעלט אין אַנ—סקי׳ס האַרץ: דער רוסישער נאַראָדניק, דער העבראַאיזירנדער ראָמאַנטיק און דער אידישער פאָלקמענטש אין בעסטן זין פון וואָרט.

די ערשטע נעשאמע האט אנ–סקי'ן געטריבן אין דארף, אין די שאכטן, אין די רוסיש-אינטעליגענטישע קרייזלעך, ער פאסט זיך אזוי אריין אין דער ברייט-הארציק צושוואומענער ס. ר.-ישער מישפאכע, ער באַלעמט אפילע ווענן פארזייען דעם ס. ר.–יזם אין דער אידישער סוויווע.

טיפע, פעסטע ווארצלען בינדן אים אין דער איינענער צייט צו דער אידישער פארגאנגענהייט. ער איז דורכגעווייקט מיטן אלטן יאהאדום-גייכט, מיט דער אמאליקייט-קדושע, מיט דער ווייטער כסידישער וועלט. טויזנט-יעריקע ציון-רובעס האלטן זיין נעשאמע אין טפיסע. – דעריבער ציט זיך דורך זיין גאנצן פּאליטישן לעבנוועג דער גראער פאדים פון אונזער אומשטארבליכער „מענאכעם-מענדעלקייט".

עפעס אומבאהאלפענעס, צושוואומענעס; אן פעסטע קאַנטורן, אן באשטימטע ריכטליניעס. אומעטום זיין, הייסט סאציאל-פאליטיש אין ערגעץ – ניט זיין.

ניט אף דעם געביט דארף מען אנ–סקי'ס באדייטונג זוכן. אסאך ווינקעלעך זיינען אין זיין ברייטער נעשאמע געווען – פלאכע און טיפע, ליכטיקע און פינצטערע.

די אידישע שיינקייט אף אלע געביטן האט דעם בעקאוועדיקסטן ארט אין זיין הארצן פארנומען. דען אנ–סקי איז א פּאעט געווען. ער האט עפשער איינער פון די ערשטע דערזען די אייגנארטיגע שיינקייט פון די אלטע אידישע כפייצים, פון די קרומע מעניירעס, אפגעבלייבטע פארייכעסן, קינדעריש-פרימיטיווע שניצערייען, פיליגראנע האדעסן. ער האט דער ערשטער זיי אנגעהויבן צונויפקלייבן אין א אייצער און מאקער פון צוקונפטיקער שיינקייט. אנ–סקי האט נעליינט דעם יעסאד פונ'ם אידישן מוזיי.

מיט זיין גאנצער קינסטלערישער נעשאמע האט ער זיך געצווינגן צו די צושפרייטע און צווארפענע רייכקייטן פון דער אידישער פאלק-פּאָעזיע און פאלק-מוזיק. אין טאך איז אנ–סקי דער – פּאעט פונם אידישן פאלק-מאטיוו, פאלק-לעגענדע און פאלק-שיר. – דער טרויעריקער אידישער פאלק-ניגון געפינט בא עם שטענדיק דעם טיפסטן ווידערקאל. – זיין גאנצער לעבן איז באלויכטן און דורכגעזאפט מיט א שאפנדיקער ליבע צום אידישן פאלקלאר און פאלק-מוזיק.

די צארטעסטע סטרונעס פון אנ–סקיס שיינער נעשאמע האבן געקלונגען פארן אידישן ארבעטמענטש. שוין אין די ערשטע יונגנט-יארן לערנט ער שמידעריי און בוכבינדעריי. עס ציט עם שטענדיק אין די רייען פון די קעמפער פאר פרייער ארבעט. עמעס, ער איז ניט דער מיטקעמפער, נאר קוידעם קאל דער מיטפילנדער. אבער ס'בלייבט דער גרויסער היסטארישער פאקט: אנ–סקי איז דער מעכאבער פונם אידישן ארבעטער-הימן – דער „שוואוע". דאס וועט דער אידישער ארבעטער קיינמאל ניט פארגעסן. –

זוכט ניט אין אנ–סקי קיין גאנצקייט – קיין איינהייטליכקייט. ער ווארצלט צו טיף אין דער פארגאנגענהייט, ער איז צו פעסט צונויפגעפלאכטן מיט אלע טיילן פון דער קעגנווארט און האט דערביי מיטגעבלעמט אלע כאליימעס פון דער צוקונפט. –

אזוי זיין לעבן, אזוי זיין שטארבן. אין זיין צאוואע פארטיילט אנ–סקי א העלפט פון זיין פארמעגן צווישן דריי מוזייען: אין פּעטערבורג, אין ווילנע, אין ירושאלאים. אזוי האבן זיי עם ביז צום קייווער באגלייט די דריי נעשאמעס:

ירושאלאים – פּעטערבורג, ווילנע...

דער כיוווייוו-ציון, דער נאראדניק, דער אווטאר פון דער „שוואוע".

דער אידישער ארבעטער האט צו אנ–סקי א געוויסע קרוויושאפט געפילט. איז עס ניט דער מעכטיקער שאפנדיקער אומרו אין אנ–סקי, וואס האט עם אזוי דערנעענטערט צו אונז? דער אלטנייער, אייביקער אומרו...

אנ–סקי איז דער לעצטער גרויסער כאסיד פונם פארלאשענעם פרץ-דאר.

**מיכאאיל יא.**

# בריוו פון א קינסטלער.

„כּעאיים צוויי וועלטן שטייסן זיך צוזאמען אין וועלט־רוים, איז דאס ערשטע–צערשטערונג, שטויב.‟

...דער קינסטלער איז דער צארטסטער בלום, וועלכן דער ערד־קאלעקטיוו שטייסט ארויס פון זיך מיט אלע זאפטן פון אירע געבורטס־לײדן.

און ווי מעשונעדיק עס זאל ניט זיין די פאנטאזיע, דער טעמפעראמענט, שאפונגס־פּאַפּאָס, ווי געניאל זיין נייסט זאל ניט זיין, פארט קען ער זיך ניט אופהייבן העכער פאר דער קאלעקטיוו־ערד, וואס האט אים געבארן. עמעס, די צווייגעלע פון קינסטלער־בלום הייבט זיך אפט אזוי הויך ארײן אין די ווייטע, פארוואלקנטע הימלען, אז די ערד אליין הערט אים אוף צו זען, אבער דאך פילט זי אין זיך די שטעבענישן פון אירע ווארצלען, וואס דריקן דער ערד'ס שטארקע נעשאמע.

די קינסט פון אונזער צייט – דאס איז דאס ניי נעבארענע פון אונזער פיבער־ערד. צוויי וועלטן האבן זיך געטראפן – צערשטערונג, שטייב.

די ערד האט זיך א טרייסל געטאן. א אינערליכער קייאַך האט זי צורודערט; אלע אלטע פלאנצונגען האבן זיך צומישט מיטן שטייב און ווינט און אט פון דער צוטרייסלטער ערד, פון דער שווארץ־ערד, שפּראצט ארויס א נייעס – א משונעדיק־פאנטאסטישער, א שטעבעדיקער און א גרויזאמער ווארצל – די נייע קונסט.

עס איז נאך פרילינג. די זון איז נאך שוואַך און פויל. די שפּראצונגען אף די לעבנס־פעלדער צערטלען זיך אין דער נייעד, שיקערער לופט. די בלינדע איינגעלעך באנעמען נאך ניט אלץ. ארום איז דערווייל נאך א מידבער פון צושאטענע שפּליטערס, פון שערבלעך. אין די טיפענישן פון דער ערד־לאבאראטאריום גייט אנגעשטרײנגט – די צוקונפט־שאפונג.

דער לאַשן פון קינסטלער איז קיירעם קאָל די ליניע. דער ערשטער גליקלעכער מיטל, וועלכן דער אורמענטש האט אנטדעקט פאר דעם ווארט. די האנט האט זיך א הייב געטאן און די לופט־ליניע האט דעם מענטשן ארופגעצויגן צום הימל; די האנט האט זיך אראפּגעלאזן און דער מענטש איז געפאלן צו דער ערד. די באוועגונג ווערט די נעשאמע פון דער ליניע. די ליניע איז געווארן די הערשערין פון מענטשנס לעבן. זי האט איפגעיועקט מיט איר אומענדליכקייט דעם פּאַכאַד פאר דאס לעבן און צוליב אפּגרענעצן זיך פון דער מוירעדיק גרויסער וועלט, האט זיך דער מענטש באהאלטן אין קישעפדיקן רייף פון דריי דימענזיאנען. צו שארף האט געדריקט דעם אור־מענטש דער קאסמאס, דאס אומבאגרייפליך־אומענדליכע און ער האט אנדעקט דעם געצעלט. ער האט זיך באהאלטן פון דעם אכזאריעסדיקן קאסמאס.

אלץ ווערט נאענטער. עס הייבט זיך אן דער לעבן פון דער קאנקרעטער ליניע און זי ווערט דער האַר און קנעכט פון מענטשן.

דער מענטש טוט זי א הייב שטאלץ פון דער ערד צום הימל – און ווערט אליין העכער און מעכטיגער: גריכישע קונסט – גאָטיק. דער מענטש גיט זי קייעבריק א דריי, מאכט זי ווייך און אינהאלט־רייך און זיין מיאך ווערט עלאסטיש און קלאר –רענעסאנס.

די ליניע ווערט ווילד, דרייט זיך, נערווירט און רייסט זיך – און ער פאלט מיט איר אין איר צולאזנקייט און ווילדקייט; באראק־ראקאקא. דער מענטש ווערט צום סאף פארמאטערט, אפגעשוואכט אין קישעפדיקן לאבירינט און פאלט אריין אין א לעטארגישן שלאף – אין זיסן דרעמל פון „מאדערן‟. און די עקספּרעסיווע, מיט בלוט און מארך אנגעזאפטע ליניע שפּריצט אריין א לעבנס־קאמפער און וועקט אוף דעם גייסטדיקן סטיל.

דער קאַנאָן, דער אינערליכער געזעץ פון דער ליניע, וואס האט זיך דאגמאטיש געהאלטן

*

* *

אין דער אויבן אנגעמערקטער עוואלוציע, שטארבט איינגאנצן אפּ. זי זוכט די פון אנ-הויב פארלארענע אבסטראקציע: נאר דאס אייביק פילנדע. פריער, די מיר־ע פאר דאס אומבא-גרייפליכע; פריער, די דריי דימענזיאנען — איצטער: פון זיך ארויס, א בייגקשאפט נאכן קאסמאס — אין מירע:

דאס איז פארבארגן אין „מעשו-גאַאַס" פון דער אנקומענדער קונסט. דער סינטעז.

ארויסשיילן פון דער ליניע דאס אלטעגליכע און געבן איר אייביקע באוועגונג, די נעשאמע. דער קינסטלער מוז ווערן א שאַפער.

די פארב. די פארב!.. אפהיינגיק פון דער ליניע — אין אידע דאַלעד אַמעם ניואנסירט די פארב מיט איר שטאלצן פאוו-עק — ספּעקטר...

* * *

ווענן „איר מאיעסטעט" — שיינקייט. דאס איז בעעמעס א גאט, וואס האט קיין מאל ניט געלעבט, ניט אף דער ערד און ניט אף די הימלען, און האט אלע מאל געהאַט לע-גיאנען פון קנעכט, וואס פלעגן דווירעס-לאנג פּויזענען אין שטיב און זוכן איר געשטאַלט — און, א, טייוול!, — קיין מאל ניט געפונען. מען האט איר פארשפארט אין א קאַנאָן, אין א סכום פון ליניעס און פארבן, מען האט זיך איינגעגלויבט, אז אין גליכגעוויכט, אין הארמאניע פון פארמען און גייסט ליגט די „מאלקע" — שיינקייט. מען האט איינגערעדט דיירעס, אז די „פארן קאלנער" אנגעבאפטע נאטור איז שיינקייט. און די הערשער האבן דערזען אין די דאָגמעס א מרייען מעשאָרעס צו פארליינגערן זייער מעמשאלע. זיי זיינען גע-ווארן דיקטאטארם פון דער שיינקייט; דאס, וואס האט געבאנפעט דעם צעהיצטן געשמאק איז געווארן א געזעץ פון דער שיינקייט. און די קונסט רעוואלוציאנערן האבן פארגאסן בי-טערע טרערן איבער איר שווערן גורל [ביז וואנען דער קאל מעוואשער האט אנגעזאגט, אז די שיינקייט ליגט ניט אין די הימלען, נאר אין דעם באַפרייטן מענטשן-גייסט. די שיינקייט האט זיך מיט א מאל פארקליבן אין אלע ריצן פון לעבן; זי איז אנטלאפן פון קייזערס און האט זיך צוזאמען מיט דער לופט פארקליבן אין אלע פארווארפענע ווינקעלעך, באם ארבעטער אין פאבריק, אין קעלער פון קעלט און ארימקייט, אין קוילן-גרוב און אין מיסטקאסטן פון לעבן; דער הייקער און דער קאליקע זיינען געווארן באשיינט. די וויסע, אויסגעכאליעטע הענט האבן פארלארן דעם פאטענט אף שיינקייט, דער אולטרא-אריסטא-קראטישער שיינקייט-קולט שטארבט אפּ.

די גרעסטע קינסטלער: מיראן, פאליקלעט, פראקסיטעל, פירי, דזשאָטאָ, באָטיטשעלי, דאווינטשי, אנדזשעלאָ, ראפאעל, רעמבראנט, רובענס און דירער, בלייבן איינגאנצן אין אָווער, און זייער שיכעס צו דער נייער שיינ-קייט באשטייט אין דעם, אף וויפיל די קינסט-לער-גיבוירים האט זיך איינגעגעבן אונטער דער מאסקע פון דער דאָגמע ארויסצווייזן דעם פיבער פון זייער נעשאמע.

— דאס שאפן מוז זיך אפזאגן פון רוי-בערי — האט אויסגעשריען דער ערליכער קינסטלער פון דער אָנקומענדער צייט — פון דער וועלט, וואס איך זע און פיל אין מיר, פון מיין ברענענדיקער פאנטאזיע, דורך דעם פייער-קעסל פון מיינע פריידן און ליידן מוז דורכגיין די נייע שיינקייט.

דער געזאנג פון מיין אינטואיציע אין ליניע און פאָרם — דאס איז די שיינקייט — און מיין נעשאָמע איז דער בריק. וואס פירט אין די אייביקע וועלטן פון שאפן און באַנייען!..

אלס מענטש בין איך — פאר לעבנשאפן, אלס קינסטלער בין איך אויסער די גרענעצן פון דער ווירקלעכקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז באפרייט געווארן די ליניע פון טויזנט-יאריקער דאגמע — עס איז באפרייט געווארן די שיינקייט. די ערד איז פונאנדער-געאקערט אין דער לייננ און אין דער ברייט — מען דארף ווארטן ביז די זון וועט א קוש טאָן מיט א הייסן שטראל און מיר וועלן דערזען די נייע בלום-קונסט.

מ. שאַץ-אַנין.

# דער אידישער ניואַנס אין דער מאַלעריי.

די קינסטלערישע ווירקונג פון דער מאַלעריי ווערט באַשטימט דורך אַ גאַנצן סכום איינצעלנע מאָמענטן, ווי פאַרב, ליניע, ליכט, קאָמפּאָזיציע, סיוזשעט, אידיי, שטימונג...

אַלע צוזאַמען שאַפן זיי די נעשאָמע פונם קונסטווערק, און אין יעדן פון די מאָמענטן קאָן זיך אַנטפּלעקן די אייגנאַרטיקייט פונם קינסטלער. דורך יעדן פון אַט די צווייגן פונם קינסט-בוים קאָנען די נאַציאָנאַלע וואָרצלען פונם קינסטלערס שאַפן טרייבן זייערע בלומען צום זונענשיין. און אַף אַלע צווייגן זיינען די בלומען די אייגענע.

די פערזענליכקייט פונם עמעסן קינסטלער איז אַלעמאָל איינג צונויפגעוואַקסן מיט דעם קאָלעקטיוון וועלט-באַנעמען פון זיין היסטאָרישער מוטער-סוויווע. אַט פון דעם קוואַל שטראָמט דער מעכטיקער קייאַך, וואָס באַוועגט דעם קינסטלערס נעשאָמע, בעאַיים עס ווערט אין איר געבאָרן אין שאַפונג-ווייטאָגן די פאַרשטעלונג, די אידיי פון צוקינפטיקן בילד. דער אייגענער קייאַך באַפרוכפּערט זיין פאַנטאַזיע, בעאַיים זי שאַפט פאַר איר די פאַסנדע לעבן-מאַלבושים, די קאָנקרעטע קאָמפּאָזיציע. און דער אייגענער קייאַך פירט דעם קינסטלערס האַנט, בעאַיים זי קישעפט אַריין די קאָמפּאָזיציע אין באַשטימטע ליניען-גרענעצן, פאָרמען-קאָנטורן. — און ווידער דער אייגענער קייאַך ווייזט אָן דעם וועג דעם קינסטלערס אויג, בעאַיים ער שאַפט אַף דער פּאַליטרע דעם פאַרבן-סינטעז, בעאַיים ער פאַרטיילט אינעם בילד ליכט און שאָטן.

* * *

ס'איז קוידעם קאָל נויטווענדיק זיך פונאַנדערצוקלייבן אין די גרונדפאַרבן פונם ספּעקטער: רויט — אָראַנזש — געלב — גרין — בלוי — פיאָלעט.

שוין ריין פיזיקאַליש גענומען, זיינען די רויטע ליכט-שטראַלן די גרעסטע לויט זייער ליינג, די לאַנגזאַמסטע לויט זייער באַוועגונג און די וואַרעמסטע לויט זייער טעמפּעראַטור. וואָס ווייטער פון רויט אינם ספּעקטער, ווערן די ליכטשטראַלן אַלץ קירצער, דער ריטם פון זייער באַוועגונג אַלץ גיכער, די טעמפּעראַטור אַלץ נידריגער, קעלטער.

רויט (סאַנסקריט „רודיראַ"-בלוט) איז שטענדיק געווען און געבליבן איז דער קונסט די פאַרב פון בלוט-גוף, פון לעבן, פרייד, ליבע, מוט, קייאַך, מאַכט און הערשאַפט. די עמעסע פאַרב פון דער מאַטעריע, פונם גוף.

רויט איז דעריבער די עלטסטע פון אַלע קונסט-פאַרבן. ערשט שפּעטער ביסלעכווייז באַווייזן זיך היסטאָריש אין דער אַנטוויקלונג פון דער קונסט די אַנדערע פאַרבן פון ספּעקטער. רויט איז די גרונדפאַרב אין דער מאַלעריי פונם אַלטערטום; די ליבלינג-פאַרב פון רענעסאַנס; דער פּאַפּאָס פון רובענס.

בלוי איז די קירצעסטע, באַוועגליכסטע און קאַלטסטע פאַרב. די פאַרב פון הימלען, ווייטקייט, אומענדליכקייט, פונם קאַלטן פאַרשטאַנד.

אין פיאָלעט, דער באַגעגעניש פון רויט און בלוי, טרעפן זיך צונויף קאַלט און וואַרים, דאָס איז די אומרואיקסטע פאַרב, פון אונטערדריקטע געפילן, פּאַראַליזירטע שטרעבונגען. די פאַרב פון אומפרוכטבאַרע פרויען און פּרושים.

ברוין — אויך אַ באַזונדער רויט, אַ טאָן, וועלכן עס נעמען אָן קאָמאַט אַלע פון דער צייט צערוצטע פאַרבן, איז די פאַרב פון גוף, וואָס איז באַזיגט דורכן גייסט. ברוין פאַרניכטעט די שאַרפע גרענעצן און קאָנטורן פון די איינצעלנע ערשיינונגען. אינם ברוין שיינט אַלץ אין איין צייט דורכגעוועבט מיט ליכט און אָפּגעטעמפּט דורך שאָטנס. דאָס איז די פאַרב פון דער דורכגייסטיקטער מאַטעריע, די אייגנטליכע נעשאָמע-פאַרב.

אַט דער גרונדכאַראַקטער פון די פאַרבן ערקלערט אונז, פאַרוואָס דער מאַלער-ספּאַציאַניסט באַוועגט זיך פרייער אין דער פאַרבן-גאַמע „רויט-אָראַנזש-געלב", בעאַיים דער מאַלער-טעמפּעראַליסט פילט זיך היימישער אינם פאַרבן-ציקל „בלוי—ברוין",

א פארבן־אנאליז פון די קונסטווערק פון די באדייטנדסטע אידישע מאלערם גייט ארויס פון די ראמען פון דעם ארטיקל. ס׳איז גענוג צו דערמאנען די גרונדשטימונג פון איזראעלם און לעוויטאנס בילדער. אין דעם טייל פון ספעקטר געפינען זיך לויט מיין מיינונג אויך די פארבן, וואס האבן געשאפן דעם גרונד־טאן אין דער אויסשטעלונג פון אידישע קינסטלער, וואס איז ארגאניזירט געווען באם ריגער „ארבעטערהיים" מיט עטליכע כאדאשים צוריק. (ברענסאן, יאָ, ליפשיץ, סקאָלניק א. א.) באזונדערס כאראקטעריסטיש און אינטערעסאנט זיינען אין דעם פיאט די דרייסטע פארבן־פרוון און גאמען פון מיכאאיל יאָ אין גרין־בלוי־פיאלעט. — אין אפילע ווען דער קינסטלער באנוצט שוין יא די ווארימערע רויט־געלבע טענער, קומט אים באלר צוהילף די ווייסע פארב, וואס האט די טעווע אפצוקילן די טעמפעראטור פון די שביינעסדיקע פארבן.

* * *

אין דער אייגענער ריכטונג גייט אויך די דיפערענצירונג פון דער פ א ר מ ע נ ש פ ר א ך אין דער מאלעריי.

דער ספאציאניסט אין דער מאלעריי שטרעבט צו באשטימען־באגרענעצן יעדע קאנקרעטע ערשיינונג מיט שארפע ליניעס, מיט פעסטע קאנטורן. יעדער געגנשטאנד מוז ווערן פעסט און שמריינג אינדיווידואליזירט אין רוים אלם פארגליווערטעס. דאס איז דער גרונדכאראקטער פון דער קלאסישער פלאכן־מאלעריי. די פארטיפונג דורך דער פערספעקטיווע איז געווען עמעס א דערנענטערונג פון דער סטאטיק צו דער דינאמיק, פון צושטאנד צום פראצעס. אין גרונד אבער איז די אלטע מאלעריי געבליבן אין די ראמען פונם מאטעריעלן און פארמעלן שאלעבץ פון די ערשיינונגען, בא זייער אפטישער אפשפיגלונג אין דער קונסט. דאס נעשאמע־לעבן איז אין בעסטן פאל געווען דער ווייטער שטימער הינטערגרונד פאר באשטימטע קאמבינאציעס פון ליניעס און פלעכן אינם דריי־דימענזיאנאלן רוים.

דער מאלער־טעמפאראליסט זוכט דורך זיין פארמען־שפראך קוידעם קאל צו פארניכטן די אינדיווידועלע קאנטורן און שארפע גרענעץ־ליניען, עס טרייבט אים אופצולייזן די גאנצע פארגליווערטע, שוין „געווארענע" וועלט אין איין באוועגליכן פראצעס פון ווערן, געוויסע נעשאמע־איבערלעבונגען ארויסצודריקן אין דינאמישן פארמען. עס איז קלאר, אז קדיי דאָס אלץ צו דערגרייכן, מוז זיך דער מאלער ווענדן ניט אזוי צו די ליניען און פלעכן־פארמען, ווי צום ווערקצייג פון ל י כ ט און ש א ט ן. אלץ ווערט ווי איפגעלייזט אינם איינהייטליכן אומענדליך־באוועגליכן יאם פון ל י כ ט.

די באוועגונגען פון שאטנס אינם ליכט־ים שאפן דאס בילד, דריקן אוים דעם קינסטלערס איבערלעבונג. ניט די צ יי כ נ ו נ ג אלס אזעלכע, נאר א געוויסע קאמבינאציע פון ליכט און שאטן שטייט באם אידישן קינסטלער געוויינליך אפן ערשטן פלאן. דערמיט ערקלערט זיך צום טייל די אנגעוזעענע, אפט אנפערנדיקע ראל פון מאלער־אידן אינם אימפרעסיאניזם (ליבערמאן, פיסארא, ליסער אירי).

(אף דער ריגער אידישער אויסשטעלונג האבן אין דעם פיאט נעקאנט דינען אלס רעמעז אייניגע ארבעטן פון ד. סקאלניק).

* * *

ווייניגער כאראקטעריסטיש איז פארן נאציאנאלן ניואנס אין דער מאלעריי — דער ס י ו ז ש ע ט אלס אזעלכער. וויכטיג איז דאס צוגיין צום סיוזשעט און זיין באהאנדלונג.

דער ספאציאניסט נעמט אוף די וועלט קוידעם קאָל מיטן א ו י ג און גייט צו צום קונסטאביעקט פון ד ר ו י ס ן . דער מין צוגיין איז גינסטיקער פאר זשאנר־בילדער, פאר היסטאָרישע סיוזשעטן, פאר נאטורמאָרט (טויטע נאטור) און פארן פארטרעט, אבער נאר אלס לעבעדיקע נאטור, ניט אלס נעשאמע־שפיגל. ד. ה. פאר פארגליווערטע לעבנס־מאמענטן אין זייער סטאטישער קאנקרעטער באגרענעצטקייט, מער אדער ווייניגער אפגעריסן פונם נעשאמע־לעבן.

אינם טעמפאראליסטישן צוגיין צו דער מאלעריי שפילט די הויפטראל דער ל י ר י ש־מ ו ז י ק א ל י ש ע ר מאמענט. געפיל־כוואליעס, נעשאמע־קלאנגען, די נאטור־איבערלעבונג ווערט דאָ אינגאנצן אונטערגעווארפן דער פסיכאלאגישער קוואָנע פונם שאפער. דאס זיינען קוידעם קאָל שטימונג־בילדער, נעשאמע־סטודיען*).

*) אינטערעסאנטע רעזולטאטן האט אין דעם פראט דערגרייכט דער ריגער סקולפטאר ד״ר ה. ה י ר ש ב ע ר ג (זע די רעפּראָדוקציעס פון זייגע ארבעטן: „הונגער" און „קאלט");

דער טרעגער פון לירישן מאמענט אין דער מאלעריי איז שטענדיק געווען אין ערשטער ריי — דער לאנדשאפט: די נאטור אין דער אדער יענער צייט פון יאר, בא טאג אדער נאכט ־ באליכטונג, מיט די ווייטע—ווייטע הארמאניש־פערספעקטיוון, פארבאלעמטע וועלדער און בייגנדיקע וועגן. אין אט די פארם קאן דער קינסטלער פולער און טיפער אריבערגיסן זיינע געשאמטע ־ באוועגונגען. די באדייטנדסטע אידן־מאלער, וואס האבן ביז איצט דערגרייכט אנ'אלגעמיינע אנערקענונג אין דער קונסט, זיינען דעריבער ניט צופעליג — פייזאזשיסטן: לעוויטאן — דער הארבסט־און ביין־האשמאשעס ־ מאלער. איזראעלס — דער מוזיקאלישער יאם־באזינגער. לעסער אורי, נייםאן און אבאך אנדרע.

אף דער ריגער איסטעלונג האבן צוגעצויגן צו זיך די אלגעמיינע אופמערקזאמקייט די זוניק־הילכיקע און לעוואניש־פארבאלעמטע וועלדער פון מיכ. יאָ (זע די רעפראדוקציע).

א צווייטער באדייטנדער געביט פון דער מאלעריי, וואו דער סוביעקט, די פערזענליכקייט פונם קינסטלער קאן ביילעטער און פולער ארויסווייזן איר הערשאפט איבערן אָביעקט, איז דער פארטרעט, אבער שוין ניט אלס לעבעדיקע נאטור, נאר אלע פסיכאָביאָגראפיע, אלס כאראקטעריסטיק פון א געוויסן לעבן־אינהאלט, אלס געשאמטע־אנטפלעקונג סיי פונם מאלנדן סוביעקט סיי פונם געמאלטן אָביעקט — אין אין קונסטווערק. אט דער פסיכאלאגישער סינטעז פון צוויי געווינלעך אפגעזונדערטע מאמענטן, פונם סוביעקט און אביעקט, איז אזוי רייך מיט קינסטלערישע מעגליכקייטן און פארוויקלטע פסיכאלאגישע פראבלעמען, אז דער פארטרעט איז אבין דעם לאנדשאפט די באדייטנדסטע ספערע, וואו דער אידישער מאלער האט פילער און אלזייטיקער ארויסגעוויזן זיין אייגנארטיקייט. די פערזענליכקייט, דאס ווערן פונם מענטשן, זיין אינעווייניקסטער גירל, דער ריטם פון דער געשאמטע — דא קאן דער זובנדיקער קינסטלער־גייסט זיך אפגענער ארויסוויזן.

עס פארשטייט זיך, אז די אידישע קינסטלער פרואוון זייערע קייכעס אויך אף די אנדערע געביטן פון דער מאלעריי. אבער אויך דא איז פארן טאלאנטפולן אידישן מאלער כאראקטעריסטיש — די מער דינאמישע באהאנדלונג פונם סיוזשעט. דאס היסטארישע אדער זשאנר־בילד איז דא ווי דורכגעזאפט מיט גייסט, וואס שטראלט ארויס פון אינווייניק. עס איז אין זיי ניטא קיין פלאסטישע אפגעקלערטהייט און רואיקייט. קאמאט שטענדיק פאכעגען אינם בילד פונם אידישן מאלער די פליגלען פונם אומרו־פויגל. דער געשאמטע־אטעם מאכט וויברירן יעדע ליניע, באלעבט יעדן פארבן־פלעק, טרייבט־יאגט די איילנדיקע שאטנס (פרגל. רעפראדוקציע פון מ. יאָ, „ירמיהו״).

* * *

אופדעקן די ווארצלען פון דער נאציאנאלער אייגנארטקייט אין דער מאלעריי, הייסט אין א באדייטנדער מאס — סכעמאטיזירן דעם אנאליז פון די איינצעלנע עלעמענטן פון דער מאלעריי, ווי פארב, ליניע, ליכט, סיוזשעט. און עס שטעקט אין דעם די גרעסטע געפאר — דער טויטער שאבלאָן.

די פראדוקטן פונם קונסטשאפן זיינען זייער קאמפליצירט און שטענדיק סינטעטיש. דער נאציאנאלער אנאליז איז ניט מער ווי א באוואוסטזיניג איינזייטיגער פרווו אויסצוטיילן און צו באלויכטן געוויסע מאמענטן פונם איינהייטליכן — און ווארטפולן נאר אין זיין איינהייטליכקייט — קונסט־סינטעז.

עס זיינען דא נאר אנגעמערקט גרונדליניען, קדיי זיך פונאנדערצוקלייבן אינם פראבלעם, ווי אזוי ווירקט דער נאציאנאלער קולטור־פארצוף אינם קונסט־סינטעז, אין דער מאלעריי. בא דער קאנקרעטער אנווענדונג פון די אנגעמערקטע געדאנקן־שטריכן צו א באשטימטן קינסטלער אדער קונסט־ווערק מוז אויסגעמידן ווערן די פארגליווערטע דאגמאטיזירונג און שאבלאנמעסיקייט.

דען פארגעסן טאר מען ניט, אז קיידעם קאל איז די קונסט — אנ'אלמענטשהייט־שאפן. און דער קינסטלער — באזונדערס אין אונזערע טעג פון וועלטפאריד און וועלטליד — א קינד פון דער אלמענטשהייט־טקופע.

# רעפארם פון אויסלייג.

(איכטיקסטע קלאלים).

1. די אויסיעס ב (ווייז), ח, כ, ש (סין), ת ת, ווערן אויסגעשלאסן פון אלעפבייז.

2. די ווערטער און ווערטערטיילן, וואס שטאמען פון העברייאיש, נעמען אָן דעם אלגעמיינעם אידישן אויסלייג, ד. ה., די נעקודעס צוזאמען מיט זייערע באגלייט־אויסיעס א, ה, ו, י, ווערן פארביטן אף די געהעריקע אויסיעס לויטן אידישן אויסשפראך; ס'ווערן אויך פארביטן די אויסגעשלאסענע אויסיעס: ב אַף וו, ח אַף כ, א. א. וו.

העאָרעס: א) אַ כוילעם ווערט איבערגעגעבן ניט דורך יי נאר דורך „וי".

ב) צונויפגעזעצטע ווערטער, וואס שרייבן זיך אין העברייאיש באזונדער, אבער אין אידיש ריידן זיי זיך אויס, ווי איין ווארט, שרייבן זיך צוזאמען: י א נ ט ע ו, ד ע ר ע כ ע ר ע ץ, אבער נ ע ש א מ ע י ע ס י י ר ע.

ג) ציטאטן און נעמען פון העברייאישע ווערק בלייבן באם העברייאישן אויסלייג, אכוץ די אָפטער באנוצטע נעמען פון ספאָרים און טפילעס (מ א י ק מ ש מ ע ל ן, ח ו ב ו ת ה ל ב ב ו ת ה א ו ח ז ב י ד, אבער ט י ל י ם).

3. ווען דער לעצטער טראָף איז ניט אקצענטירט, ווערט זיין וואָקאל, אכוץ א כיריק פארביטן אף ע (מ א צ ע ו, נ ו י ג י ע, כ אָ ס ע ר ד י ע, ל ע ג א מ ר ע, ע ס ט ע ר, ש ל ו י מ ע, ק אָ ו ע ד, א פ י ל ע, כ ס י ד ע ס); אויב דערביי איז דא אין סאף ווארט אַ „י" פארשווינדט ער (ג א ב ע); פאר אַ ל, נ, ווען זיי זיינען טראָפּבילדנדיק פארשווינדט דער וואָקאל גאר (י א כ ס ן, א ו ל, ב י ט ל. אבער ג א ז ל ע ן — ווייל דא איז דער נ ניט טראפבילדנדיק); א כיריק פאלט אינטער אונטער די דאזיקע שינואים נאר אין איינצלנע פאלן (ט אַ כ ל ע ס ל אַ כ ל ו ט ן, אבער ס פ א ר י ם, י אָ כ י ד, פ ל ו י נ י).

4. אין א נעשלאסענעם טראָף ווערן פארביטן־אַ קאָמעץ אף אן א, אַ ציירע אף אן ע, אַ כוילעם אף אָ (ק ס א ו, ש ע ד ס א ד, ס א כ ר י ב, אבער קסאָוים, פ ו י ד ע ס, פ ו י ב ע ר).

5. ווען נאך א פאַסעך שטייט אַן י א אדער אן ע מיט אַ כאַטעף־פאַסעך, ווערן ביידע פאסעכס צונויפגעגאסן אין יי (ב י ש ע ר, מ י ס ע). א כאטעף־פאַסעך אונטער א ח פאלט אָפּט ארוים (כ ס י ד ע ס, אדער כ אַ ד אָ ר י ם).

6. א שוואָ אין אָנהויב ווארט ווערט פארביטן אף אן ע אין די דאזיקע פאלן: בא די אויסיעס ו, י, ל, מ, נ, ר, (ס י מ כ ע ו ע ס אָ ס ן, י ע נ י ק ע, ל ע מ אָ ש ל, מ ע נ ו י ר ע, נ ע ש א מ ע, ר ע צ י כ ע) פאר די אויסיעס ה, י, (ב ע ה א ד ר אָ ג ע, ב ע י אָ ד א א ים) און אפּט בא די אויסיעס ב, ג, פ, ק (ב ע ד א ל ע ם, ג ע מ אָ ר ע, פ ע ג י ר ע, ק ע ס י ד ע ר, אבער ב ר י י ר ע, ג ז י י ל ע, פ ל ו י נ י, ק ס אַ וו),

7. סאפעקדיקע קלאנגען (ק וואָס קלינגט ווי ג, ג וואס קלינגט ווי ק א. א. וו.) ווערן באצייכנט לויטן אידישן אויסשפראך, אדער לויט דער פאדערונג פון דער אידישער עטימאלאגיע, זיך ניט רעכנענדיק מיטן העברייאישן אויסלייג (ד א פ ק ע, ד י ג ד ע ק, ב א ט כ ן, ניט ד א ו ק ע, ד י ק ד ע ק ב א ט כ ן. אבער ס ד אָ ר י ם, ניט ז ד אָ ר י ם, ווייל די איינצאל איז ס י ד ע ר).

* * *

די דאזיקע קלאָלים שעפן ניט אוים אלע פארענדערונגען וואס קומען פאָר באם אויסלייגן העברייאישע ווע־טער אף אידיש (צ. ב. די פארענדערונגען פון אזעלכע ווערטער, ווי ח ב ר, א ד ר, ט ע ם, מ ל ך, מ ד ר ש, ב כ י ו ן. א ד ר ב א, ב ע ל ה ב י ת, וואס ווערן פארוואנדלט אין כ אַ ו ע ר, אָ ד ע ר, ט אַ ם, מ י ל ע ך, מ ע ד ר ע ש, בעקיוון א ד ע ר א ב ע, ב א ל ע ב א ס; די קלאָלים גופע האבן אויסנאמען (ב א ס ק א ל, ניט ב א ס ק ל, כ אָ כ מ ע ניט כ א כ מ א, כ י ן ניט כ ע ן, כ ו י ו, ניט כ אָ וו).

דאריבער דארף מען זיך אנפירן נישט נאר מיט די ק ל אָ ל י ם, נאר אויך מיטן אידישן אויסשפרוך.

דרוק. אלי׳ לעווין,
ריגע, הערן-גאם 26

פארלאג
„ארבעטערהיים"